STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10166

DOS IDISHE KIND

Pinhas Rudoy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס רודאָי
(פּיני בעל־לשון)

דאָס אידישע קינד

אַ לערבּוך

(צווייטער טייל)

באַשטימט פאַר די אידישע קלאַסן
אין די תלמוד־תורה׳ס

היברו פּאבלישינג קאמפּאני
79-77 דילענסי סטריט, ניו יאָרק

DOS IDISHE KIND

PART II

Copyright 1939, by Hebrew Publishing Co.

Set up by Hebrew Publishing Co., New York
Printed and bound in the United States of America,
by Montauk Bookbinding Corp., New York

אינהאַלט

דער פרימאָרגן (ליד). יאָסל קאָהן .... ו

די וואָך:

זונטאָג (יום ראשון) פון תהילים 1

מאָנטאָג (יום שני) " " 2

דינסטאָג (יום שלישי) " " 3

מיטוואָך (יום רביעי) " " 5

דאָנערשטאָג (יום חמישי) " " 7

פרייטאָג (יום שישי) " " 7

שבת (יום השבת) " " 9

שבת לויט דער תורה 10

שבת לויט דעם תלמוד 11

שבת אין דער אַלטער וועלט (נאָך מענדעלי) 13

די שבת־ליכט (ליד, נאָך היינע) 14

שבת אין דער נייער וועלט (נאָך אַש) 14

שבת אין ניו־יאָרק (ליד). א. רייזען 15

אַן אורח אויף שבת (נאָך א. זאַקס) 16

די צוויי לייבן (פאָלקס־געשיכטע). פּ. רודאַי 16

ראש־חודש 20

פון הלל 20

שבת בראשית 24

ברכי נפשי 24

ארץ ישראל:

I. דער ערשטער איד אין לאַנד 26

II. אידן באַזעצן זיך אין לאַנד 26

III. וואו געפינט זיך ארץ ישראל? 28

IV. אידן ווערן פאַרטריבן פון ארץ ישראל 29

V. די אידישע האָפענונג 30

VI. חבת ציון 30

VII. דאָקטאָר הערצל (ציוניזם) 31

VIII. דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס 32

IX. די באַלפור דעקלאַראַציע 34

X. אידן בויען ארץ ישראל 34

קיין ארץ ישראל (ליד). ח. נ. ביאַליק 35

די געשיכטע פון חנוכה 36

חנוכה־ליד. ש. לאַנדינסקי 39

יהודית 40

העלדן און נעמען (פון אונדזער היסטאָריע): אברהם, שׂרה, הגר, ישמעאל, מלאכים, סדום און עמורה, אליעזר, יצחק, עקדה, רבקה, יעקב און עשׂו, בכורה, קול יעקב–ידי עשׂו, בית־אל, רחל, לאה, זלפּה, בלהה, יעקב׳ס קינדער, בעל־החלומות, פּוטיפר, בית הסהר, שׂר־המשקים, שׂר־האופים, חלום פּרעה. מנשה, אפרים, גושן, באחרית הימים, פּיתום ורעמסס, משה, צפּורה, גרשם, סנה, אהיה אשר אהיה, אהרן, אותות ומופתים, עשׂר מכּות, ים־סוף ... 47
עשׂרה בטבת ... 68
חמשה־עשׂר בשבט ... 68
ארץ־ישׂראל פּרוכט (נאָך שטיינבערג) ... 71
שבת־שירה (אז ישיר) ... 74
שבת־שירה (לעגענדע) ... 75
תענית־אסתר ... 77
די געשיכטע פון פורים (גאַנץ מגילת אסתר) ... 77
המן הרשע און די אידישע חדשים (לעגענדע) ... 89
פּורים צו דער מגילה (נאָך ספּעקטאָר) ... 93
שלח־מנות (ליד, נאָך דוד׳ל) ... 94
פּסח לויט דער תורה ... 95
דער פּסח־סדר (די קערה) ... 95
ארבע כּוסות ... 97
אליהו הנביא׳ס כּוס ... 97
די סימנים פון סדר (קדש ורחץ) ... 98
די קשיות (מה נשתנה) ... 100
פון דער הגדה (עבדים היינו) ... 101
גאָט׳ס צוזאָג ... 101
ביים סדר (נאָך אַנסקי) ... 101
דער קעניג „מרור" (לעגענדע) ... 103
חד גדיא (נאָך י. ל. פּרץ) ... 105
שיר השירים (געקליבענע פּסוקים) ... 108
דער „עומר" אַמאָל און היינט ... 110
די ספירה־טעג ... 110
אידיש–ענגלישער ווערטערבוך ... 113

פאָרוואָרט

צען יאָר זיינען אַריבער זינט דער ערשטער טייל פון דעם לערן־בוך „דאָס אידישע קינד" איז דערשינען.

די פילע אויסגאַבן, וועלכע זיינען זיך צעגאַנגען אין צענדלינג־טויזנטער עקזעמפּלאַרן איבער דער גאָרער וועלט, וואו נאָר אידיש ווערט געלערנט, זיינען עדות אויף דער וויכטיקייט פון דעם־דאָזיקן לערן־בוך פאַר נאַציאָנאַל־רעליגיעזע שולעס און תלמוד־תורה'ס.

פאַר די לעצטע יאָרן האָבן פּרינציפּאַלס, לערער און אויך די אַרויסגעבער זיך אָפט געווענדט צום מחבר מיט דער בקשה צו פאַרענדיקן די ווייטערדיקע טיילן פון „דאָס אידישע קינד" פאַר די העכערע קלאַסן. דער מחבר האָט זיך אָבער ניט געאיילט דאָס צו טאָן.

אַלס פּרינציפּאַל פון איינער פון די גרעסטע תלמוד־תורה'ס אין ניו־יאָרק האָט דער מחבר געמאַכט עקספּערימענטן אין די קלאַסן גופא פאַר אַ לאַנגער צייט און זיך באַראָטן מיט לערער־פאַכלייט, און אויף אַזאַ אופן איז דער מאַטעריאַל צוגעפּאַסט, אויסגעלייטערט און באַאַרבעט געוואָרן פאַר די קלאַסן פון צווייטן און דריטן יאָר.

ווי אין ערשטן טייל „דאָס אידישע קינד" האָט דער מחבר אויך אין צווייטן און דריטן טייל, געהאַט פאַר זיך דעם צוועק „צו באַהעפטן דעם קינד'ס נשמה מיט דער נשמה פון זיין פאָלק." און לויט דער־דאָזיקער אידייע איז געגעבן געוואָרן בלויז אַזאַ לערן־ און לייען־שטאָף, וואָס שפּיגלט אָפּ די אידישע טראַדיציע און אירע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

מיר וועלן דאָ אָנווייזן נאָר אויף אייניקע זאַכן:

1. די פינף מגילות זיינען געגעבן אינגאַנצן (אסתר און רות), אָדער ספּעציעל צוגעפּאַסטע טיילן פון זיי (שיר השירים, איכה און קהלת), און באַאַרבעט אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן.

2. גאַנץ פּרק מיט זיין עטיק און מאָראַל באַאַרבעט און איינגעטייטשט אַזוי, אַז ער זאָל צוציען און באַגייסטערן דאָס אידישע קינד.

3. גאַנץ אקדמות צום ערשטן מאָל איבערזעצט אין מאָדערנעם אידיש און באַאַרבעט טראַדיציאָנעל און פאָלקסטימלעך אַזוי, אַז ער זאָל וועקן די פאַנטאַזיע פון אידישן קינד.

4. העלדן און נעמען פון גאַנץ תורה באַשריבן קורץ און שאַרף, אינפאָרמאַטיוו און פּאָפּולער, אַז דאָס אידישע קינד זאָל באַקענט ווערן מיטן חומש באַצייטנס, נאָך איידער עס לערנט די תורה אין אָריגינאַל.

5. ארץ ישראל באַשריבן היסטאָריש און געאָגראַפיש אויף אַזאַ שטייגער, אַז דאָס אידישע קינד זאָל אין עטלעכע קורצע לעקציעס קריגן אַ באַגריף וועגן אונדזער לאַנד פון אַמאָל און פון היינט.

6. אַ אידיש־ענגלישער ווערטערבוך פון איבער 1000 ווערטער און אידיאָמען, וועלכע זיינען נויטיק פאַרן ענגליש־רעדנדיקן קינד וואָס לערנט אידיש.

דער דריטער טייל איז אין פאָרבערייטונג און וועט דערשיינען אין פרילינג פון 1940.

פנחס רודאָי
(פיני בעל־לשון)

ברוקלין, נ. י., הת"ש

דער פרימאָרגן

(פון מיין זיידנס רייד)

מיין קינד, קום מיט מיר, גיי נאָך מיין טראָט–
אַ איד האָט ניט פאַרוואָס זיך יאָגן אין געלאַף.
וויַיס, אין יעדן ריר, אין יעדן אָטעם לעבט אונדזער גאָט,
און אין פרימאָרגן–דער וואונדער פון זיין באַשאַף!

מיין קינד, דיין אָרט איז ניט אין דעם ווילדן יאַריד,
און קיין בייַז דאַרף ניט באַרירן דיין מויל;
אַ איד דאַרף קאָנען לעבן ווי אַ איד–
און מוז קענען שטאַרבן מיט „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״! . . .

די וואָך

דער ערשטער טאָג

וועגן דעם ערשטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג דערציילט די תּוֹרָה אַזוי:

אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און אַ פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון די טיפע וואַסערן, און דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט איבער דער וועלט.

האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן ליכטיק! און עס איז געוואָרן ליכטיק.

האָט גאָט געזען, אַז די ליכטיגקייט איז גוט, און ער האָט אָפּגעשיידט די ליכטיגקייט פון דער פינצטערניש.

און גאָט האָט גערופן די ליכטיגקייט – טאָג, און די פינצטערניש – נאַכט.

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער ערשטער טאָג!

זונטאָג–יוֹם רִאשׁוֹן

ווען דאָס בֵּית־הַמִקְדָש איז געשטאַנען אין יְרוּשָׁלַיִם, פלעגן דאָרטן די לְוִיִם יעדן זונטאָג אין דער פרי זינגען דאָסדאָזיקע ליד:

צו גאָט איז די ערד און אַלץ וואָס פילט זי אָן,
וואָרים ער האָט אויף יַמ׳ען זי געגרונטפעסטיקט
און אויף טײַכן האָט ער זי אַוועקגעשטעלט.
ווער קען אַרויפגיין אויפן באַרג פון גאָט (צִיוֹן)?
און ווער קען שטיין אין זיין הייליקן אָרט (בֵּית הַמִקְדָש)?
דער וואָס האָט ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ,
דער וואָס האָט מיך ניט דערמאָנט צום פאַלשן
און האָט ניט געשוואָרן צו באַטרוג.
יענער וועט קריגן אַ בְּרָכָה פון גאָט,
און גערעכטיקייט פון גאָט זיין העלפער!
דאָס איז דער דוֹר פון די וואָס פאָרשן אים,
פון די וואָס זוכן דיך, גאָט פון יַעֲקֹב. סֶלָה.

(תְּהִלִים, קאַפיטל כ״ד)

דער צווייטער טאָג

ווען דעם צווייטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג דערציילט די תּוֹרָה אַזוי:

גאָט האָט געזאָגט:

זאָל ווערן אַן אויסשפרייטונג אין מיטן פון די וואַסערן, און זי זאָל פאַנאַנדערשיידן צווישן די וואַסערן וואָס אונטער דער אויסשפרייטונג, און צווישן די וואַסערן וואָס איבער דער אויסשפרייטונג!

און עס איז אַזוי געוועזן.

האָט גאָט גערופן די אויסשפרייטונג — הימל!

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. **דער צוויי־טער טאָג!**

מאָנטאָג–יום שֵׁנִי

ווען דאָס בֵּית־הַמִקְדָש איז געשטאַנען אין יְרוּשָׁלַיִם, פלעגן דאָרטן די לְוִיִם יעדן **מאָנטאָג** אין דער פרי זינגען דאָסדאָזיקע ליד:

גרויס איז גאָט, און זייער געליבט,
אין שטאָט פון אונדזער גאָט, זיין הייליקער באַרג (צִיוֹן)!
שיין אין זיין הויכקייט, אַ פרייד פון דער גאַנצער וועלט
איז דער באַרג צִיוֹן אין די עקן פון צָפוֹן־זייט —
דאָרטן איז די שטאָט (יְרוּשָׁלַיִם) פונעם גרויסן מֶלֶך!
גאָט איז באַוואוסט אַלס שוץ אין אירע פּאַלאַצן!
וואָרים זע: אָט האָבן מְלָכִים זיך פאַרזאַמלט דאָ,
אַלע אינאיינעם זיינען זיך צונויפגעקומען אַהער,
(און געוואָלט ציון צונעמען פאַר זיך) —
אָבער ווי זיי האָבן דערזען, האָבן זיי געגאַפט,
זיי האָבן זיך דערשראָקן און גיך אַנטלאָפן.
אַזוי האָבן מיר געזען (מיט אונדזערע אויגן)
אין דער שטאָט פון גאָט פון אַלע הערשאַפטן,
אין דער שטאָט פון אונדזער גאָט —
ביז אייביק זאָל גאָט באַפעסטיקן די שטאָט! סֶלָה!

(תְּהִלִים, קאַפּיטל מ"ח)

דער דריטער טאָג

ווען דעם דריטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג דערציילט די תּוֹרה אַזוי:

גאָט האָט געזאָגט:
זאָלן די וואַסערן פון אונטערן הימל זיך איינזאַמלען אין איין אָרט, און זאָל זיך באַווייזן טרוקן לאַנד (יַבָּשָׁה)!
און עס איז אַזוי געווען.
האָט גאָט גערופן דאָס טרוקענע לאַנד–ערד, און די איינזאַמלונג פון די וואַסערן–יַמ׳ען. און גאָט האָט געזען, אַז דאָס איז גוט.
האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד ווערן באַוואַקסן מיט גראָז, און גרינסן, און פרוכטביימער פון אַלערליי סאָרטן!
און עס איז אַזוי געווען. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.
און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער דריטער טאָג!

דינסטאָג–יוֹם שְׁלִישִׁי

ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים, פלעגן דאָרטן די לויים יעדן דינסטאָג אין דער פרי זינגען דאָסדאָזיקע ליד:

גאָט שטייט אין דער עֵדָה פון דַיָינִים,
צווישן די ריכטער טוט ער מִשְׁפּט׳ן:
ביז וואַנען וועט איר מִשְׁפּט׳ן מיט אומרעכט,
און נוֹשֵׂא־פָּנִים זיין די רְשָׁעִים? סֶלָה!
באַשיצט די רעכט פונעם אָרימאַן און יָתוֹם!
שטייט פאַר די רעכט פון געדריקטן און באַדערפטיקן!
ראַטעוועט דעם געמיינעם און נויטליידנדיקן!
זייט זיי מַצִיל פון די רְשָׁעִים׳ס הענט!
זיי (די ריכטער) ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט.
אין פינצטערניש גייען זיי אַרום–
און אַזוי וועלן אַלע וועלט־גרונטן פאַלן!

דו, גאָט אַליין, שטיי אויף און מִשְׁפּט די וועלט,
וואָרים אַלע פעלקער זיינען דיין יְרוּשָׁה!

(תְּהִלִים, קאַפּיטל פ״ב)

דער פערטער טאָג

ווען דעם פערטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג דערציילט די תּוֹרה אַזוי:

גאָט האָט געזאָגט:

זאָלן ווערן ליכט אין הימל, צו פאַנאַנדערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, און די ליכט זאָלן אויך זיין צייכנס פאַר צייטן, פאַר טעג און פאַר יאָרן!

און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע ליכט: דאָס גרעסערע ליכט — די זון — צו לייכטן בייטאָג, און דאָס קלענערע ליכט — די לְבָנָה — צו לייכטן ביינאַכט. און אויך די שטערן האָט ער געמאַכט צו לייכטן ביינאַכט. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער פערטער טאָג.

מיטוואָך—יוֹם רְבִיעִי

ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים, פלעגן דאָרטן די לויים יעדן מיטוואָך אין דער פרי זינגען דאָסדאָזיקע ליד:

אַ גאָט פון נְקָמוֹת איז גאָט —
גאָט פון נְקָמוֹת, אַנטפּלעק זיך!
דערהייב זיך, דו ריכטער פון דער וועלט,
באַצאָל די שטאָלצע רְשָׁעִים ווי זיי האָבן פאַרדינט!
ביז ווען ווען ווען וועלן די רְשָׁעִים זיך פרייען, גאָט?
ביז וואַנען וועלן זיי רעדן שטאַרקע ווערטער,
און זיך באַרימען אַלע וואָס טוען אומרעכט?

דיין פאָלק, גאָט, טוען זיי דריקן,
און דיין יְרוּשָׁה טוען זיי פּײַניקן!
די אַלְמָנָה און דעם פרעמדן טויטן זיי,
און די יְתוֹמִים ברענגען זיי אום!
און זיי זאָגן: גאָט זעט נישט!
און דער גאָט פון יַעֲקֹב קוקט זיך ניט צו!

באַטראַכט אייך, איר פאַרנאַרישטע פון פאָלק!
ווען וועט איר, נאַראָנים, קליגער ווערן?
וועט דער, וואָס מאַכט דעם אויער, ניט הערן?
וועט דער, וואָס באַשאַפט דאָס אויג, ניט זען?
וועט דער, וואָס שטראָפט פעלקער, ניט שטראָפן?

וואָרים גאָט וועט ניט אַוועקוואַרפן זיין פאָלק,
און זיין יְרוּשָׁה וועט ער ניט פאַרלאָזן!

(תְּהִלִים, קאַפּיטל צ"ד)

דער פינפטער טאָג

ווען דעם פינפטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג דערציילט די תּורה אַזוי:

גאָט האָט געזאָגט:

זאָלן די וואַסערן ווידמען אַלערליי לעבעדיקע באַשעפעניש! און זאָלן אַלע פויגלען אָנהייבן פליען אויף דער ערד, איבער דער אויסשפּריי־טונג פונעם הימל! און גאָט האָט באַשאַפן די גרויסע יַם־חַיוֹת, און אַלע קריכנ־דיקע באַשעפענישן אין וואַסער, און אַלע פויגלען לויט זייערע סאָרטן. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

און גאָט האָט זיי געבענטשט: די פיש און אַלערליי באַשעפענישן זאָלן זיך מערן און אָנפילן די וואַסערן אין די יַמ'ען, און די פויגלען זאָלן זיך מערן אויף דער ערד.

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער פינפ־טער טאָג!

דאָנערשטאָג—יוֹם חֲמִישִׁי

ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים, פלעגן דאָרטן די לויים יעדן דאָנערשטאָג אין דער פרי זינגען דאָס דאָזיקע ליד:

זינגט צו גאָט, אונדזער שטאַרקן,
שאַלט צו דעם גאָט פון יַעֲקֹב!
הייבט־אויף אַ געזאַנג, שפּילט אויף אַ פּויק,
אויף אַ זיסער האַרף און אויף אַ גיטאַר!
בלאָזט אַ שוֹפָר אום רֹאש־חוֹדֶש:
רֹאש־הַשָּׁנָה, צום טאָג פון אונדזער יום־טוב!
וואָרים דאָס איז אַ געזעץ פאַר יִשְׂרָאֵל,
אַ מִנְהָג צום גאָט פון יעקב!

הער, מיין פאָלק, איך וואָרן דיך!
ישראל, דו זאָלסט מיך צוהערן!
קיין אַנדער גאָט זאָל ביי דיר ניט זיין,
און זאָלסט זיך ניט בוקן צו קיין אָפּגאָט!

(תְּהִלִים, קאַפּיטל פ"א)

דער זעקסטער טאָג

ווענן דעם זעקסטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג דערציילט די תּוֹרה אַזוי:

גאָט האָט געזאָגט:

זאָל די ערד אַרויסברענגען אַלערליי לעבעדיקע באַשעפענישן: בְּהֵמוֹת און חַיוֹת און קריכנדיקע שְׁרָצִים!

און עס איז אַזוי געווען. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

האָט גאָט געזאָגט:

לאָמיר מאַכן אַ מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, און ער זאָל געוועל־טיקן איבער אַלע באַשעפענישן פון די וואַסערן און פון דער ערד!

און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן—אָדָם־הָרִאשׁוֹן—אין זיין געשטאַלט. אַ זָכָר און אַ נְקֵבָה האָט ער זיי באַשאַפן. פונעם שטויב פון דער ערד האָט גאָט געמאַכט דעם מענטשן, און ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַ לעבעדיקן אָטעם—נְשָׁמָה.

און גאָט האָט געבענטשט דעם מענטשן און געזאָגט: מערט אייך און פילט אָן די ערד, און נעמט זי איין, און געוועלטיקט איבער די פיש פון יַם, און איבער די פייגל פון הימל, און איבער די חיות און בהמות און אַלער־ליי באַשעפענישן פון דער ערד!

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. **דער זעקס־טער טאָג!**

פרייטאָג—יוֹם שִׁשִּׁי

ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים, פלעגן דאָרטן די לויים יעדן **פרייטאָג** אין דער פרי זינגען דאָסדאָזיקע ליד:

גאָט טוט קיניגן, מיט גרויסקייט באַקליידט,
באַקליידט האָט זיך גאָט,
מיט שטאַרקייט האָט ער זיך אָנגעגורט.
אויך באַפעסטיקט די וועלט,
זי זאָל זיך ניט וואַקלען.
פעסט שטייט דיין טראָן פון אַמאָל,
פון אייביק אָן ביסטו, גאָט!
די טייכן, גאָט, האָבן אויפגעברויזט,

די טײַכן האָבן אויפגעהויבן זייער קול,
די טײַכן האָבן אויפגערוישט —
(זיי האָבן געוואָלט חָרוב מאַכן די וועלט),
אָבער מער פון אַלע קולות פון די גרויסע וואַסערן,
און מער פון אַלע שטאַרקע כוואַליעס פון יַם,
איז גאָט׳ס שטאַרקייט אין דער הויך!
דיינע צוואָגן זיינען זייער זיכער,
פאַר דיין הויז, גאָט, (בֵּית הַמִּקְדָּש)
פּאַסט די הייליגקייט אויף אייביקע טעג!

(תְּהִלִים, קאַפּיטל צ״ג)

דער זיבעטער טאָג

וועגן דעם זיבעטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג דערציילט די תּורה אַזוי:

עס זיינען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער גאַנצע הערשאַפט.

און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג.

און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און ער האָט אים גע־הייליקט!

שַׁבָּת–יוֹם הַשַּׁבָּת

ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים, פלעגן דאָרטן די לויים יעדן שַׁבָּת אין דער פרי זינגען דאָסדאָזיקע ליד:

גוט איז צו לויבן גאָט,
און זינגען צו דיין נאָמען, דו העכסטער!
צו דערציילן אין פרימאָרגן דיין חֶסֶד,

און דיין טריישאַפט – אין די נעכט,
אויף אַ צען־סטרונע און אויף אַ גיטאַר
און מיט פאַרטראַכטונג אויף אַ האַרף.
וואָרים דו האָסט מיך דערפרייט, גאָט,
מיט דיין ווערק!
און ווענן די מַעֲשִׂים פון דיינע הענט
טו איך אַזוי זינגען:
ווי גרויס זיינען דיינע טואונגען, גאָט!
ווי טיף זיינען דיינע מַחְשָׁבוֹת, גאָט!
דער גראָבער מענטש ווייסט עס ניט,
דער נאַרישער מענטש פאַרשטייט עס ניט.
ווען רְשָׁעִים טוען שפּראָצן ווי גראָז,
און עס בליען אַלע אומרעכט־טוער,
איז דאָס כְּדֵי צו פאַרטיליגן
זיי אויף אייביגקייטן!
אָבער דו, גאָט, ביסט דערהויבן אייביק!

(תְּהִלִים, קאַפּיטל צ״ב)

די הייליגקייט פון שַׁבָּת

(לויט דער תּוֹרה)

א

„געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו הייליק האַלטן!
„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און טאָן אַלע דיינע מְלָאכוֹת; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין האַר. זאָלסטו ניט טאָן קיין מְלָאכָה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט, און דיין בְּהֵמָה, און דיין פרעמדער וואָס וואוינט אין דיינע טויערן (שטאָט).

„וואָרים אין זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און דעם ים און אַלץ וואָס איז אין זיי פאַראַן, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט.

„דערום האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שַבָּת און האָט אים געהייליקט." (חומָש שְמוֹת, קאַפּיטל כ׳).

ב

„און די קינדער פון יִשְׂרָאֵל זאָלן היטן שבת, צו האַלטן שבת אויף זייערע דור־דורות — אַן אייביקער בונד!

„צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק!" (חומָש שְמוֹת, קאַפּיטל ל״א).

ג

„און דו זאָלסט געדענקען אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט אין לאַנד מִצְרַיִם, און גאָט דיין האַר האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַר־קער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם.

„דערום האָט גאָט דיין האַר דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג פון שבת!" (חומָש דְבָרִים, קאַפּיטל ה׳).

די הייליגקייט פון שַבָּת

(לויט דעם תַּלְמוּד)

א

די מִצְוָה פון שבת וועגט־איבער אַלע מִצְווֹת פון דער תּוֹרה.

ב

ווער עס פאַרשוועכט שבת (מְחַלֵל־שַבָּת) איז גלייך ווי ער לייקנט אין דער גאַנצער תּוֹרה.

ג

יְרוּשָלַיִם איז חָרוּב געוואָרן נאָר דערפאַר וואָס אידן האָבן דאָרטן מְחַלֵל געווען שבת.

ד

ווען אַלע אידן זאָלן אָפּהיטן צוויי שַׁבָּתִים ווי דער דין איז, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן.

ה

שבת און יום־טוב זיינען געגעבן געוואָרן צו אידן נאָר צוליב דעם, אַז זיי זאָלן דאַן רואיק עסן און טרינקען און לערנען תּוֹרה.

ו

עֶרֶב־שַׁבָּת גיט גאָט אַריין אין יעדן אידן נאָך אַ נְשָׁמָה (נְשָׁמָה יְתֵירָה).

ז

שבת דאַרף מען זיך קליידן שענער, עסן שענער און רעדן שענער ווי אין די וואָכן־טעג.

ח

דער וואָס היט אָפּ עוֹנֶג שַׁבָּת (פאַרגעניגן אום שבת), ווערן דערפילט אַלע זיינע פאַרלאַנגען.

ט

גאָט האָט געבענטשט דעם טאָג שבת מיט ליכטיגקייט אויפן מענטשנ'ס פָּנִים, וואָרים דער איד וואָס היט אָפּ שבת (שוֹמֵר־שַׁבָּת), שיינט זיין פּנים אום שבת מער ווי אַלע טעג פון דער וואָך.

י

אַמאָל האָט אַ קעניג געפרעגט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא: פאַרוואָס שמעקט אַזוי גוט דאָס שבת'דיקע געקעכץ ביי אידן? האָט אים רבי יהוֹשע געענט־פערט: אידן האָבן אַזאַ מין געווירץ, וואָס הייסט שבת, לייגן זיי דאָס אַריין אין זייערע מַאֲכָלִים און דערפאַר שמעקן זיי.

האָט דער קעניג געזאָגט צו רבי יהוֹשע: גיב מיר אויך אַביסל פון אייער געווירץ! האָט אים רבי יהושע געענטפערט: דאָס געווירץ העלפט נאָר יע־נעם, וואָס היט אָפּ שבת. אָבער ביי דעם וואָס איז מְחַלֵּל שַׁבָּת שמעקט עס נישט! . . .

שַׁבָּת אין דער אַלטער וועלט

(אַ בילד)

פרייטאָג. פאַר זון־אונטערגאַנג.

די קראָמען פאַרשליסן זיך גיך. אידן איילן זיך אין מֶרחָץ אַריין אויס־צובאָדן זיך לְכָבוֹד שַׁבָּת.

דער מאַרק ווערט אויסגעליידיקט. מ׳זעט שוין קיינעם ניט דאָרטן. נאָר אָפּגעוואַשענע און שבת׳דיק געקליידעטע אינגעלעך לויפן איבער די גאַסן מיט פלעשלעך ווין אויף קידוש.

דער הימל איבערן שטעטל ווערט טונקל. דער שַׁמָש קלאַפּט אין די טירן:

—אין שול אַריין, אידן!

דורך די פענצטער הויבן זיך אָן ווייזן די שבת־ליכט. מוטערס מיט זייערע טעכטערלעך, אויסגעוואַשענע, אויסגעקעמטע און פאַרפּוצטע זיצן אינדרויסן פאַר די הייזער.

שטיל, רואיק אין געסל. דער שבת קומט אָן מיט רואיקע טריט און פאַרשפּרייט מְנוּחָה (רו). טאַטעס מיט זייערע זינדעלעך, אויסגעבאָדענע, אָנגעטאָן אין שבת׳דיקע קאַפּאָטעס מיט ווייסע קראַגנס פון אויבן, איילן זיך צום דאַווענען.

נאָכן דאַווענען קומען די אידן אַהיים און זיי געפינען זייערע הייזער אויפ־געראַמט און באַלויכטן לְכָבוֹד שַׁבָּת.

דער טיש איז געדעקט מיט אַ קלאָר־ווייסן טישטוך. אויפן טיש שטייען אויסגעשייערטע לייכטער מיט ברענענדיקע בענטש־ליכט, צוויי שיינע, ווייסע חַלוֹת און אַ פלאַש ווין אויף קידוש.

אין הויז הערשט אַ זיסע רואיגקייט. עס שמעקן די שבת׳דיקע מַאֲכָלִים. די מוטער שיינט אין אירע שבת׳דיקע מַלְבּוּשִׁים. די טעכטערלעך וואַרטן מיט פריילעכע הערצעלעך אויפן קידוש. אויף אַלעמען רוט די שְׁכִינָה.

—גוט שבת! גוט שבת!—זאָגט דער טאַטע, אַריינקומענדיק פון שול מיט אַ שיינענדיק פָּנִים.

—גוט שבת! גוט שבת!—שרייען אויס הילכיק נאָך אים אויך די זינ־דעלעך.

דער טאַטע מיט די זינדעלעך שטעלן זיך ביים שבת־טיש, זינגען פריי־לעך דעם „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם", מאַכן קידוש מיט אַ ניגון, וואַשן זיך די הענט, און

אַלע אין הויז זעצן זיך אויס אַרום טיש צו דער שבת'דיקער געשמאַקער סְעוּדָה.

און נאָך יעדן געריכט זינגען אַלע שבת'דיקע זְמִירוֹת (לידער).

„אַ שִׂמְחָה, אַ פרייד אויף אַלע אידן,
זיי זיינען פרום און שטאַרק צופרידן!"

די שַבָּת־ליכט

שבת־ליכט און שבת־לאָמפּן,
אָ, ווי זיס איז אייער שיין!
וויפיל ברענגט איר טרייסט דעם אידן
אין זיין עלענט, אין זיין פּיין!

קומט נאָר אָן דער שַבָּת־קוֹדֶש,
און עס ווערן ליכט געבענטשט,
באַלד אַנטלויפט פון איד דער אומעט
און ער ווערט אַ נייער מענטש!

שַבָּת אין דער נייער וועלט

(אַ בילד)

אין בייסמענט (קעלער) איז שבּת.

אַנשל דער אָפּערייטאָר זיצט ביים טיש אויבן אָן מיט פאַרשלאָפענע אויגן און ברומט דעם ניגון פון זְמִירוֹת.

אַלע ווײלע טאָרקעט ער זיינע צוויי אינגלעך און בייזערט זיך אויף זיי:

—נו, נו, וואָס זינגט איר ניט? . . . וואָס שוויגט איר? . . .

די מוֹחות און די הערצער פון זיינע צוויי אינגלעך זיינען אָבער אינגאַנצן אין גאַס, דאָרטן ביים באָלל־שפּיל און ביי די פייערן, וואו אַנדערע קינדער געפינען זיך איצט.

עס פאַרדריסט זיי שטאַרק אויף זייער טאַטן, וואָס ער האַלט זיי אַצינד ביים שבת־טיש, ווען אַנדערע אינגלעך האָבן איצט אַזויפיל „פאָן" (שפּאַס). זיי טראַכטן זיך אין האַרצן: „אַ גרינהאָרן, זייער טאַטע! . . ."

זיי דרייען זיך אויף די בענקלעך. זיי קוקן אַרויס אינדרויסן דורך די פענצטערלעך און זיי וואַרטן אויף דער מינוט, ווען דער „פּאַ" וועט איינדרימלען, וועלן זיי זיך באַלד אַרויסכאַפּן פון הויז.

אַנשל דער אָפּערייטאָר איז טאַקע מיד פון זיין שווערער אַרבעט. עס דרימלט אים שטאַרק. אָבער ער וועט ניט אַוועקגיין פונעם טיש ביז ער וועט ניט ענדיקן די שבת'דיקע סְעוּדָה.

און דער טאַטע רעדט צו זיינע צוויי זינדעלעך:

— זיצט איין ביים טיש רואיק! וואָס ברענט אויף אייך אַזוי די הויט? וואָס ציט אייך אַזוי צו די „לויפערס" אינדרויסן? יענע דאָרטן ווייסן דאָך אפילו ניט צי ס'איז שבת אַצינד!

שַׁבָּת אין ניו־יאָרק

דער פּאָטער קומט פרייטיק פאַרנאַכט
פון פינצטערן שאַפּ אַזוי מיד,
נאָר ס'האָט זיין נְשָׁמָה דערוואַכט
און זי זינגט איר שבת'דיק ליד.

די מוטער, די אָרימע פרוי —
צעקנייטשט פאַר דער צייט איר געזיכט —
צעזיפצט זיך: „ס'איז שפּעט שוין אַזוי!"
און נעמט זיך צום צינדן די ליכט . . .

די קינדער, דערצויגן שוין דאָ,
פאַרשפּילטע אין „באָל" און אין „פּיַיט",
דערפילן די הערלעכע שָׁעה,
און ס'קוקן די אייגעלעך ווייט . . .

אַן אורַח אויף שַבָּת

נעמען אַהיים פון שול אַן אָרימען אורַח לְכָבוד שַבָּת איז אַמאָל ביי אידן געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסע שִׂמְחָה.

די וואָך איז אַוועק, און דער שַבָּת־קודֶש, דער יום־מְנוּחָה (דער רו־טאָג), האָט אין הויז אַריינגעבראַכט אַ באַזונדער פרייד און פאַרגעניגן.

און אין אַזאַ טאָג פון פאַרגעניגן וואָס קאָן נאָך זיין בעסער ווי צו האָבן ביים טיש אַן אָרימען גאַסט, אַן אורח, וועלכער זאָל אויך קאָנען הֲנָאָה האָבן פון שבת! . . .

אַ שבת׳דיקע סְעוּדָה אָן אַן אורח ביי דער זייט איז געווען אָן טַעַם און אָן געשמאַק. אַן אורח פלעגט זינגען זְמִירות מיטן באַלעבאָס, פלעגט דער־ציילן מַעשׂות פון דער „וועלט״ און ס׳פלעגט זיין פריילעך און לעבעדיק ביים טיש.

גאַנץ אָפט פלעגט דער פרעמדער אורח זינגען נייע לידער און ניגונים (מעלאָדיעס). דאַן פלעגט די „סעודה״ ביים שבת־טיש זיך פאַרצִיען ביז שפּעט, און אויך שְכֵנִים פון גאַס פלעגן אַריינקומען צו הערן דעם אורח׳ס גע־זאַנג און זיינע מַעשׂות.

נאָך שבת פלעגן דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע שענקען דעם אורח אַ שיינע נְדָבָה און מ׳פלעגט זיך מיט אים געזעגענען ווי מיט אַן אֶמֶת׳ן ליבן קָרוב . . .

די צוויי לֵייבן

(אַ פאָלקס־מַעשׂה)

I

אַמאָל איז אין יְרושָלַיִם געווען אַ גרויסער צַדִיק מיטן נאָמען רַבִּי לייב.
דער צדיק פלעגט אַרבעטן נאָר צוויי שָעָה אין טאָג, און די איבעריקע צייט פלעגט ער זיצן אין בֵּית־מִדְרָש און לערנען תּורה.

יעדן עֶרֶב־שַבָּת און שבת אין דער פרי פלעגט ער מיט נאָך אַסך פרומע אידן גיין דאַווענען ביים „כּותֶל מַעֲרָבִי״ (די איבערגעבליבענע וואַנט פונעם בֵּית־הַמִקְדָש).

איינמאָל האָבן די מוסולמאַנער באַשלאָסן, אַז זיי וועלן ניט לאָזן אידן

גיין דאַוונען צום „כּותל מַעֲרָבִי", סיידן מע וועט זיי באַצאָלן אַ גרויסע סומע געלט.

די אידן אין ירושלים זיינען געוואָרן זייער טרויעריק, ווייל אַזויפיל געלט האָבן זיי ניט פאַרמאָגט. האָט דער צדיק רבי לייב געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו לאָזן זיך אין די ווייטע לענדער און זאַמלען נְדָבוֹת ביי אַלע פרומע אידן, כְּדֵי צו באַצאָלן די מוסולמאַנער די סומע געלט וואָס זיי פאָדערן.

רבי לייב האָט געזאָגט און געטאָן.

ער האָט אַריינגעלייגט אין אַ זאַק זיין טַלית און תְּפִלִּין מיט אַ סִידוּר, זיין שבת'דיקע קאַפּאָטע, עטלעכע פּאָרלעך גרייט (וועש), ברויט מיט זאַלץ און אַ פלעשעלע מיט וואַסער, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג אַריין.

II

רַבִּי לייב איז געגאַנגען איבער שטעט און דערפער, און אומעטום האָט ער ביי אידן געבעטן נְדָבוֹת צו באַפרייען דעם „כּוֹתֶל מַעֲרָבִי".

עטלעכע חֳדָשִׁים האָט רבי לייב אַרומגעוואַנדערט. ער האָט צונויפ־געזאַמלט די גאַנצע סומע געלט, וואָס ער האָט באַדאַרפט, און ער האָט זיך געלאָזט צוריק אַהיים קיין ירושלים.

גייענדיק צוריק, האָט רבי לייב באַדאַרפט דורכגיין אַ גרויסן מִדְבָּר, וואו קיין יִשׁוּב איז ניט געווען. ער האָט זיך זייער געשראָקן פאַר ווילדע חַיּוֹת, זיי זאָלן אים ניט צערייסן, און פאַר רויבער, זיי זאָלן ביי אים דאָס געלט ניט אָפּרויבן. אָבער רבי לייב האָט געהאָפט, אַז צוליב דער גרויסער מִצְוָה וועט אים גאָט באַשיצן.

גייט ער און גייט, רבי לייב, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און דער מִדְבָּר ענדיקט זיך גאָרניט. און דערווייל איז געוואָרן פרייטאָג פאַרנאַכט, אָט באַלד וועט די זון אונטערגיין, און אום שבת טאָר מען דאָך ניט גיין. האָט ער פון ווייטן דער־זען אַ גרויסן שטיין און ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָרטן, לעבן שטיין, וועט ער בלייבן שבת האַלטן.

ער איז צוגעקומען צום שטיין, אַרויסגענומען פונעם זאַק די שבת'דיקע קאַפּאָטע און האָט זי אָנגעטאָן, זיך געוואַשן די הענט מיט אַביסל וואַסער און ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען, „מְקַבֵּל שַׁבָּת" זיין.

רבי לייב דאַוונט און פון די אויגן גיסן זיך טרערן. ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז שבת טאָר מען ניט וויינען, שבת דאַרף אַ איד זיין פריילעך, פאַר־

ענדיקט ער זיין דאַוונען מיט געזאַנג און נעמט זיך מאַכן קידוש און עסן זיין שבת'דיקע סעודה — ברויט מיט זאַלץ.

ביים עסן דערזעט ער, ווי אַ גרויסער, שרעקלעכער לייב איז צוגע־לאָפן צו אים. פאַר שרעק איז אים דער ביסן געבליבן שטיין אין האַלדז: אָט איצט איז שוין זיין סוף געקומען, האָט רבי לייב אַ טראַכט געטאָן.

אָבער באַלד האָט זיך דער לייב אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס פונקט אַקעגן דעם צדיק און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

רבי לייב נעמט שוין זינגען די שבת'דיקע זמירות און איז פריילעך מיט דעם, וואָס דער לייב רירט אים ניט אָן. דער לייב קומט צו נענטער און נעמט לעקן מיט דער צונג דעם צדיק'ס הענט, ווי ער וואָלט וועלן אים באַדאַנקען פאַר די שיינע זמירות.

רבי לייב האָט שוין אַ רואיקער אָפּגעבענטשט און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אויף דעם גרויסן שטיין.

III

גאַנצפרי איז דער צדיק רבי לייב אויפגעשטאַנען, און ער טוט אַ קוק — דער לייב זיצט נאָך אַלץ לעבן אים און היט אים. האָט ער גענומען זאָגן תְּהִלִּים מיט גרויס פרייד, און נאָכ'ן תהלים האָט ער אָנגעטאָן דעם טַלִית און זיך געשטעלט דאַוונען „שַׁחֲרִית" און „מוּסָף".

אָפּגעדאַוונט, האָט ער זיך גענומען עסן די סעודה, זינגען ווידער זמירות און לערנען תּורה. און אַזוי האָט ער דעם גאַנצן טאָג געלערנט און געזונגען און געלויבט גאָט. ווען די זון האָט געהאַלטן ביים זעצן זיך, האָט ער געדאַוונט „מִנְחָה". און ווען דריי שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפן בלויען, ריינעם הימל, האָט דער צדיק געדאַוונט מַעֲרִיב, געמאַכט הַבְדָלָה און זיך געגרייט ווידער צו לייגן שלאָפן אויף דעם שטיין.

דער לייב האָט אָבער גענומען ברומען אַקעגן צדיק זייער פריינטלעך און ליבלעך. ער האָט אים געלעקט זיינע הענט און זיינע פיס, און ער האָט זיך אַוועקגעלייגט פאַר אים, ווי ער וואָלט אים בעטן, אַז ער זאָל זיך אויף אים אַרויפזעצן.

רבי לייב האָט פאַרשטאַנען וואָס דער לייב וויל פון אים און ער האָט זיך אויף אים אַרויפגעזעצט רייטנדיק.

באַלד האָט דער לייב גענומען יאָגן אַזוי שנעל, ווי אַ פייל־אויסן־בויגן.

און נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען האָט דער לייב געבראַכט רבי לייב'ן אַהיים קיין יְרוּשָׁלַיִם.

דער צדיק איז אַ פריילעכער אַריין צו זיך אין הויז, און ער האָט אַלע־מען דערציילט דעם גרויסן נס.

און פון דעמאָלט אָן דערציילט מען אין ירושלים די וואונדערלעכע געשיכטע מיט די צווײ לייבן...

ראָש חוֹדֶש

„און אין אייערע ראָש־חודש'ן זאָלט איר בלאָזן אין די טרומייטן אויף אייערע בראַנד־אָפּער און אויף אייערע פריד־אָפּער, און זיי זאָלן אייך זיין צו אַ דערמאָנונג פאַר אייער גאָט.‟ (חוּמָשׁ בַּמִדְבָּר, ו׳־ו׳).

אַמאָל, אין די גאָר אַלטע צייטן, איז ראָש־חודש (דער אָנהייב פון חודש) געווען אַ יום־טוב ביי אידן. גאַנצע אידישע מִשְׁפָּחוֹת פלעגן זיך פאַרזאַמלען, שעכטן אַ קָרְבָּן און מאַכן סְעוּדוֹת. קיין שום אַרבעט פלעגט מען ניט טאָן.

אין די שפּעטערע צייטן איז שוין ראָש־חודש געוואָרן ניט מער ווי אַן אָנדענק פון אַ יום־טוב. מע זאָגט קאַפּיטלעך פון תְּהִלִּים ביים דאַווענען (הַלֵל — לויב־געזאַנגען). מע זאָגט אויך אַ ספּעציעלע שְׁמוֹנֶה־עֶשְׂרֵה. מ'גרייט צו אַ שענערע סעודה ווי אין די געוויינטלעכע וואָכן־טעג.

פון הַלֵל

(לויב־געזאַנגען פון תְּהִלִים)

א

הַלְלוּיָה — לויבט גאָט!
לויבט, איר קנעכט פון גאָט,
לויבט דעם נאָמען פון גאָט.
זאָל גאָט'ס נאָמען זיין געבענטשט

פון אַצינד און ביז אייביק.
פון זון־אויפגאַנג ביז איר אונטערגאַנג
ווערט געלויבט דער נאָמען פון גאָט.
גאָט איז דערהויבן איבער אַלע פעלקער,
איבער די הימלען איז זיין פּראַכט.
ווער איז נאָך אַזוי ווי גאָט, אונדזער גאָט,
וואָס זיצט אויף זיין הויכן טראָן;
און קוקט אַראָפּ צו זען
אין די הימלען און אויף דער ערד!
ער שטעלט אויף פון שטויב דעם אָרימאַן,
פון מיסטן דערהייבט ער דעם אֶבְיון,
צו זעצן אים מיט גרויסע לייט,
מיט די גרויסע לייט פון זיין פאָלק!

(תהלים, קאַפּיטל קי״ג)

ב

בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם,
ווען יִשְׂרָאֵל איז אַרויס פון מִצְרַיִם,
דאָס הויז פון יַעֲקב (איז אַוועק)
פון אַ פרעמדשפּראַכיקן פאָלק,
איז יְהוּדָה געוואָרן זיין הייליקטום,
יִשְׂרָאֵל — זיין געוועלטיגונג!
דער יַם האָט דערזען און איז אַנטלאָפן,
דער יַרְדֵן האָט אָפּגעטראָטן אַהינטער.

די בערג זיינען געשפּרונגען ווי ווידערס,
די הויכע בערג — ווי יונגע שאָף.
וואָס איז דיר, יַם, וואָס דו אַנטלויפסט?
יַרְדֵן, וואָס טרעטסטו אָפּ אַהינטער?
בערג, וואָס שפּרינגט איר ווי ווידערס?
הויכע בערג — ווי יונגע שאָף?
פאַר דעם האַר טו ציטערן, ערד,
פאַר דעם גאָט פון יעקב,
וואָס פאַרקערט דעם פעלז אין אַ טייך וואַסער,
דעם קיזלשטיין — אין אַ וואַסער־קוואַל!

(תהלים, קאַפּיטל קי״ד)

ג

זְכָרָנוּ — גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן אונדז,
און וועט בענטשן, בענטשן דאָס הויז פון יִשְׂרָאֵל,
ער וועט בענטשן דאָס הויז פון אַהֲרֹן,
ער וועט בענטשן די וואָס פאָרכטן גאָט,
די קליינע אַזוי ווי די גרויסע!
גאָט וועט אייך מערן, אייך מיט די קינדער.
געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט,
דעם באַשעפער פון הימל און ערד!
די הימלען, זיינען הימלען צו גאָט,
און די ערד האָט ער געגעבן צו די מענטשן.
ניט די טויטע וועלן לויבן גאָט,
און ניט די, וואָס נידערן אין קֶבֶר;

אָבער מיר וועלן לויבן גאָט
הַלְלוּיָה! (תהלים, קאַפּיטל קט"ו)

ד

הַלְלוּ – לויבט גאָט איר אַלע פעלקער,
גיט אַ שֶׁבַח צו אים, אַלע אומות,
וואָרים שטאַרק איז זיין חֶסֶד אויף אונדז,
און די טריישאַפט פון גאָט איז אויף אייביק!
הַלְלוּיָה! (תהלים, קאַפּיטל קי"ז)

ה

מִן הַמֵּצַר – פון ענגשאַפט האָב איך גערופן גאָט,
האָט מיר געענטפערט מיט ברייטקייט גאָט.
אַז גאָט איז מיט מיר – האָב איך ניט קיין מוֹרָא,
וואָס קאָן מיר אַ מענטש טאָן?
אַז גאָט קומט מיר צו הילף,
וועל איך זען נְקָמָה אין מיינע פיינט!
בעסער צו באַשיצן זיך אין גאָט,
איידער צו פאַרזיכערן זיך אויף אַ מענטשן;
בעסער צו באַשיצן זיך אין גאָט,
איידער צו פאַרזיכערן זיך אויף גרויסע לייט!
אַלע פעלקער האָבן מיך אַרומגערינגלט,–
מיט גאָט'ס נאָמען וועל איך זיי פאַרשניידן;
זיי האָבן מיך אַרום און אַרום אַרומגערינגלט,

מיט גאָט'ס נאָמען וועל איך זיי בייקומען.
זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט ווי בינען,—
זיי וועלן אָבער פאַרלאָשן ווערן ווי דערנער־פייער;
מיט גאָט'ס נאָמען וועל איך זיי פאַרשניידן!

(תהלים, קאַפּיטל קי"ח)

שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דער ערשטער שבת נאָך סוכּות ווערט גערופן „שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית", ווייל דעמאָלט הייבט מען באַנייעס אָן צו לייענען אין די שולן די תּורה לויט די סֶדרות פון דער וואָך, יעדע וואָך אַ סֶדרה.

אין ערשטן שבת לייענט מען די ערשטע סדרה פון דער תּורה מיטן נאָמען „בראשית" (אין אָנהייב).

אין דער סדרה בראשית ווערט דערציילט, ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און דעם מענטש.

בָּרְכִי נַפְשִׁי

בָּרְכִי נַפְשִׁי — לויב גאָט, מיין זעל!
גאָט מיין גאָט, ביסט גרויס ביז גאָר,
אין גלאַנץ און שײַנקייט ביסטו אָנגעקליידט!
ביסט דער וואָס וויקלט אַלץ אין ליכט, ווי אין אַ מאַנטל,
וואָס שפּרייט־אויס די הימלען ווי אַ פאָרהאַנג;
וואָס באַלקנט מיט וואַסער זיינע אויבערשטובן;
וואָס מאַכט וואָלקנס פאַר זיין רײַטוואָגן;
וואָס גייט אויף די פליגלען פון ווינט,

וואָס מאַכט די ווינטן פאַר זיינע שְׁלִיחִים,
און פאַר זיינע באַדינער – פלאַקערדיק פייער.

ווי גרויס זיינען דיינע ווערק, גאָט,
זיי אַלע האָסטו מיט חָכְמָה געמאַכט –
די גאַנצע ערד איז פול מיט דיין באַשאַף!
זאָל דער כָּבוד פון גאָט זיין אויף אייביק!
זאָל גאָט זיך פרייען מיט זיינע ווערק!
ער וואָס קוקט־אָן די ערד – און זי ציטערט,
וואָס רירט אָן די בערג – און זיי רויכערן.
איך וועל זינגען צו גאָט כָּל־זְמַן איך לעב,
איך וועל שפּילן צו מיין גאָט ווי לאַנג איך בין!
זאָלן אים זיס זיין מיינע רייד –
וואָרים איך פריי זיך מיט גאָט!
זאָלן די זינדיקע פאַרלענדט ווערן פון דער ערד,
און די רְשָׁעִים זאָלן מער נישט זיין!
בָּרְכִי נַפְשִׁי – לויב גאָט, מיין זעל,
הַלְלוּיָה!

תהלים, קאַפּיטל ק״ד:

אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

(דאָס אידישע לאַנד)

I

דער ערשטער איד אין לאַנד

אַבְרָהָם איז געווען דער ערשטער איד. און דאָס אידישע פאָלק רופט אים „אַבְרָהָם אָבִינוּ", אונדזער פאָטער אברהם.

אין די הייליקע סְפָרִים ווערט דערציילט:

אברהם איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט דערקענט דעם באַשעפער פון דער וועלט אַלס דעם איינציקן אֱמֶת'ן גאָט. ביז אברהמ'ען פלעגן אַלע מענטשן דינען צו פאַרשידענע אָפּגעטער: צו דער זון, צו דער לְבָנָה, צו פייער, צו וואַסער, צו חַיות און צו בְּהֵמות. אברהם איז געקומען און געזאָגט: עס איז פאַראַן נאָר איין גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט און אַלץ וואָס אויף דער וועלט, און נאָר אין אים דאַרף מען גלויבן!

די תּוֹרה דערציילט:

איינמאָל האָט זיך גאָט באַוויזן צו אברהמ'ען און האָט צו אים געזאָגט:

„גיי אַוועק פון דיין לאַנד, און פון דיין געבורט־שטאָט, און פון דיין פאָטער'ס הויז צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן. און דאָרטן וועל איך דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק!"

האָט אברהם גענומען זיין ווייב שָׂרָה און זיין גאַנצן פאַרמעגן און איז אַוועקגעגאַנגען צום לאַנד כְּנַעַן.

אין לאַנד כנען האָט זיך גאָט ווידער באַוויזן צו אברהמ'ען און האָט צו אים געזאָגט:

„אָט דאָסדאָזיקע לאַנד וועל איך אַוועקשענקען צו דיינע קינדער אויף אייביק!"

און אברהם האָט דאָרטן אויפגעשטעלט זיין געצעלט.

שפּעטער מיט יאָרן האָט גאָט פאַרשפּראָכן דאָס לאַנד כְּנַעַן אויך צו אַבְרָהָם'ס זון — יִצְחָק, און צו יִצְחָק'ס זון — יַעֲקֹב.

II

אידן באַזעצן זיך אין זייער לאַנד

פיל יאָרן זיינען די אידן געווען קנעכט אין מִצְרַיִם (עגיפּטן). זיי האָבן

קפריסין
צידון
ארם
צור
הר חרמון
לבנון
הר הכרמל
יריחו
ים המלח
הר נבו
יפו
פלשתים
ירושלים
מואב
יהודה
באר שבע
גושן
ים סוף
הר סיני
אדום
מצרים
ארץ ישראל
העתיקה

דאָרטן זייער שווער געאַרבעט ביי די קעניגן, וועלכע מ'האָט דעמאָלט גערופן מיטן נאָמען „פַּרְעֹה". זיי האָבן געמוזט מאַכן ציגל און בויען מויערן און גאַנצע שטעט פאַר די „פַּרְעֹה'ס".

די אידן האָבן שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן די פּייניגונגען דאָרטן, און זיי האָבן געשריען צו גאָט.

האָט גאָט געשיקט מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, אונדזער לערער משה, און ער האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט גרויסע וואונדער באַפרייט די אידן פון קנעכטשאַפט און זיי אַרויסגעפירט פון מִצְרַיִם.

מֹשֶׁה רַבֵּנוּ האָט געפירט די אידן אין דער מִדְבָּר גאַנצע פערציק יאָר. אויפן באַרג סִינַי האָט גאָט געגעבן זיין „תּוֹרָה" צו די אידן דורך משה'ן. גאָט האָט זיי געמאַכט פאַר אַ פאָלק און ער האָט זיי צוגעזאָגט צו ברענגען אין דעם לאַנד כְּנַעַן, ווי ער האָט צוגעזאָגט צו זייערע עלטערן אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעֲקֹב.

ווען די אידן זיינען צוגעקומען נאָענט צום לאַנד כנען, איז משה רבנו געשטאָרבן, און זיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן האָט אַריינגעפירט די אידן אין לאַנד אַריין.

און דעמאָלט האָט מען דעם נאָמען „כְּנַעַן" פאַרביטן אויפן נאָמען „אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", דאָס לאַנד פון ישראל.

III

וואו געפינט זיך אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

ארץ ישראל ליגט אויפן סאַמע עק פון מַעֲרָב־זייט פון אַזיע.

ארץ ישראל איז דער מיטלפּונקט צווישן די דריי גרויסע וועלט־טיילן: אַזיע, אַפריקע און איירָאָפּע.

דאָס אידישע לאַנד איז שמאָל און לאַנג.

פון מַעֲרָב־זייט גרעניצט עס זיך מיטן מיטלענדישן יָם. פון מִזְרָח־זייט — מיטן אַראַבישן מִדְבָּר. און פון צָפוֹן־זייט — מיט סיריע.

אין צפון־זייט פונעם לאַנד געפינען זיך די הויכע בערג לְבָנוֹן און חֶרְמוֹן, וואָס זייערע שפּיצן זיינען תָּמִיד באַדעקט מיט שניי.

אין מִזְרָח־זייט פונעם לאַנד ציט זיך דער טייך יַרְדֵּן ווי אַ לאַנגער פּאַס, פון צָפוֹן קיין דָרוֹם, און ער פאַלט אַריין אין דעם געזאַלצענעם ים (יָם הַמֶּלַח). דער דאָזיקער ים ווערט אויך אָנגערופן דער „טויטער ים", ווייל זיין וואַסער אַנטהאַלט אין זיך אַסך זאַלץ און אַנדערע מינעראַלן, און קיין פיש קאָנען דאָרטן ניט לעבן.

דער קלימאַט אין ארץ ישׂראל איז זייער גוט. די לופט איז מילד און אָנגענעם אַ גאַנץ יאָר. קיין שטאַרקער ווינטער איז דאָרטן ניטאָ. דער הימל איז תּמיד טיף און ריין און די זון שיינט און וואַרימט.

אין די נידעריקע ערטער איז זומער זייער הייס, אָבער פון די בערג און פון ים בלאָזן שטענדיק קילע, דערפרישנדע ווינטעלעך.

דער ארץ ישׂראל'דיקער רעגן־סעזאָן הייבט זיך אָן אין די חָדָשִׁים חֶשְׁוָן—כִּסְלֵו. דעמדאָזיקן רעגן רופט מען דאָרטן „יוֹרֶה". און דעם רעגן וואָס פאַלט אין די חדשים אֲדָר—נִיסָן רופט מען „מַלְקוֹש". דעמאָלט ווערט פאַרענדיקט די „יְמוֹת הַגְּשָׁמִים", דער רעגן־סעזאָן.

דער באָדן אין ארץ ישׂראל איז שטענדיק געווען פרוכטבאַר. דאָס לאַנד האָט מען גערופן „אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ", אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, ווייל עס פלעגן תּמיד דאָרטן וואַקסן גוטע תּבואות און זיסע פרוכטן.

ווען די אידן זיינען געזעסן אויף זייער לאַנד, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און פי־צוכט.

IV

אידן ווערן פאַרטריבן פון ארץ ישׂראל

די אידישע שׂוֹנְאִים, די באַבילאָנער, גריכן און רוימער, האָבן ניט פאַרגונען די אידן זייער שיין לאַנד, ארץ ישׂראל.

אין יאָר 586 (פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג), זיינען די באַבילאָנער אָנגעפאַלן אויפן לאַנד, געטויט פיל אידן, פאַרברענט דעם שיינעם בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, אויסגעשטאָכן דעם אידישן קעניג, צִדְקִיָּהוּ,ביידע אויגן, און די לעבן־געבליבענע אידן אַוועקגעפירט קיין בָּבֶל אין „גָלוּת" אַריין.

דאָס איז געווען דער „ערשטער חוּרְבָּן".

פופציק יאָר שפּעטער האָבן די אידן זיך צוריקגעקערט אין זייער לאַנד און ווידער אויפגעבויט אַ נייעם בית־המקדש.

אין יאָר 70 (נאָך דער קריסט. צייטרעכנ.) זיינען די רוימער, מיט טיטוס'ן אַלס הויפּט־גענעראַל, אָנגעפאַלן אויף ארץ ישׂראל.

די רוימער האָבן געטויט נאָך מער אידן, פאַרברענט גאַנץ יְרוּשָׁלַיִם מיטן צווייטן בית־המקדש, און די לעבן־געבליבענע אידן האָבן זיי פאַרקויפט אַלס קנעכט אין אַלע לענדער פון אַזיע.

די אידישע פיינט האָבן פאַרביטן דעם נאָמען „אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" אויף אַ פרעמדן נאָמען, „פּאַלעסטינאַ".

אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן **דאָס אידישע לאַנד, ארץ ישראל, וואָס גאָט אַליין האָט עס זיי פאַרשפּראָכן.**

V

די אידישע האָפענונג

גאַנצע אַכצן הונדערט יאָר זיינען די אידן געווען דערוויטערט פון ארץ ישׂראל. זייער ווייניק אידן זיינען דאָרטן פאַרבליבן פון אַמאָל, און נאָך ווייניקער אידן זיינען געפאָרן אַהין צו באַזעצן זיך אויף דאָס ניי. די מלוכות, וועלכע האָבן געהערשט אין ארץ ישׂראל, האָבן ניט דערלויבט צו מאַכן דאָרטן אַ גרויסן אידישן יִשוב.

אידן זיינען אין יענע אַכצן הונדערט יאָר צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, צווישן פאַרשידענע פעלקער און שפּראַכן. אין אַסך לענדער האָט מען די אידן געפּייניקט און געדריקט, גערויבט און געטויט.

אָבער קיין אידישער שׂוֹנא האָט דאָס אידישע פאָלק ניט געקאָנט אומברענגען. אידן האָבן געלעבט און זיך פאַרמערט, און די אידישע הערצער האָבן געבענקט נאָך זייער ליבן, היסטאָרישן לאַנד – ארץ ישׂראל. אידן האָבן געהאָפט, אַז עס וועט קומען די „גאוּלה", אַ צייט ווען דאָס אידישע לאַנד וועט אויסגעלייזט ווערן פון פרעמדע הענט און דאָס אידישע פאָלק וועט זיך צוריקקערן אַהין.

VI

„חִבַּת צִיוֹן"

אין סוף פון נייצנטן יאָרהונדערט האָט זיך די שִׂנְאָה צו אידן (אַנטי־סעמיטיזם) פאַרשטאַרקט אויף דער וועלט. אין רוסלאַנד זיינען אויסגעבראָכן „פּאָגראָמען". די רוסן זיינען אָנגעפאַלן אויף אידישע שטעט און זיי האָבן באַרויבט און געטויט אַסך אידן.

דעמאָלט האָט אַ גרופּע אידישע יונגעלייט אין רוסלאַנד באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין ארץ ישׂראל און ווערן דאָרטן ערד־אַרבעטער. די גרופּע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „ב י ל ו", דאָס מיינט: „בֵּ י ת יַ עֲ ק ב לְ כ וּ וְ נֵ לְ כָ ה", אידן, קומט, לאָמיר אַוועק פונעם גָלוּת! . . .

דאָס זיינען געווען די ערשטע אידישע פּיאָנערן, וועלכע רופן זיך היינט מיטן נאָמען „חֲלוּצים".

עס האָט זיך דעמאָלט אין רוסלאַנד געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע „חוֹבְבֵי צִיוֹן", די ליבהאָבער פון ארץ ישראל.

דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. אידן האָבן געזאַמלט געלט און געהאָלפן די אַלע פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אידישן לאַנד, און געגרינדעט אידישע קאָלאָניעס.

די באַוועגונג האָט מען גערופן „חִבַּת צִיוֹן" (די ליבע צו ציון). דידאָזיקע ליבע צו ציון האָט זיך אַלץ שטאַרקער צעברענט אין די אידישע הערצער, און אידן האָבן געזונגען אומעטום:

„עוֹד לֹא אָבְדָה תִקְוָתֵנוּ,
הַתִּקְוָה הַנּוֹשָׁנָה,
לָשׁוּב לְאֶרֶץ אֲבוֹתֵינוּ,
לָעִיר בָּהּ דָּוִד חָנָה!"

נאָך ניט פאַרלוירן אונדזער האָפענונג,
די האָפענונג — די אַלטע,
צוריקקערן זיך צו אונדזער פאָטערלאַנד,
צו דער שטאָט וואו קעניג דָוִד האָט גערוט.

VII

דאָקטאָר הערצל

(ציוניזם)

אין יענע יאָרן איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסער מענטש ביי אידן מיטן נאָמען דאָקטאָר הערצל.

דאָקטאָר הערצל איז געווען אַ שרייבער פון ווין, עסטרייך. ער האָט געזען די שִׂנאה צו אידן אין זיין לאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט; ער האָט געזען ווי זיינע אידישע ברידער ווערן אומעטום פאַרפאָלגט און געפייניקט, און ער האָט ניט געקאָנט רוען ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט.

זיין גרויס אידיש האַרץ האָט אים שטאַרק וויי געטאָן פאַרן אידישן פאָלק, און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, פּונקט ווי די נְבִיאִים אַמאָל, אַוועקצוגעבן זיין לעבן כְּדֵי צו זוכן אַ הילף פאַר זיינע ברידער.

און אַ געטליכער געדאַנק האָט אים באַהערשט:

דאָס אידישע פאָלק מוז ווערן אויפגעלעבט אינאיינעם מיטן אידישן לאַנד!

אידן בענקען נאָך ציון, און ציון בענקט נאָך אידן – מוז מען אָפּגעבן דאָס לאַנד צו זיין פאָלק און ביידע וועלן געהאָלפן ווערן!

יִשְׂרָאֵל מוז ווערן אַ פריי פאָלק אין אַ פרייען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

אין יאָר 1896 האָט דאָקטאָר הערצל אָנגעשריבן אַ בוך „אידענשטאַט", וואו ער האָט דעמדאָזיקן געדאַנק זיינעם שאַרף און קלאָר אויסגעדריקט פאַר דער וועלט.

דאָקטאָר הערצל האָט אויך פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, אַז אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן זיך פאַראייניקן אין אַ גרויסער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַרבעטן פאַר דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל.

דידאָזיקע באַוועגונג האָט דאָקטאָר הערצל גערופן „ציוניזם".

VIII

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס

אין יאָר 1897 איז פאַררופן געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אין דער שטאָט באַזעל, אין דער שווייץ. און דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען די פאָלגענדע פּראָגראַם:

א) דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפן אַ פּאָליטיש־געזיכערטע היים פאַרן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל.

ב) דער ציוניזם שטרעבט צו באַזעצן אידישע ערד־אַרבעטער און בַּעַל־מְלָאכה'ס אין גרויסע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל.

ג) דער ציוניזם שטרעבט צו קריגן מיט דער צייט די צושטימונג פון אַלע פעלקער און מלוכות צו גרינדן אַ אידישן שטאָט אין אידישן לאַנד.

דאָקטאָר הערצל איז געפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיך געזען מיטן טערקישן סולטאַן, וועלכער האָט דעמאָלט געהערשט איבער ארץ ישראל. ער האָט זיך אויך געזען מיט אַנדערע מְלָכִים און הערשער איבער דער גאַנצער וועלט.

און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט אומעטום געפונען גרויסע שטער־רונגען, האָט דאָקטאָר הערצל זיין אידעאַל ניט פאַרלאָזן.

טאָג און נאַכט האָט הערצל געוואַנדערט איבער דער וועלט און גע־אַרבעט פאַר דעם גרויסן אידעאַל פון „ציוניזם". און אין יאָר 1904 האָט שוין זיין האַרץ מער ניט געקאָנט איבערטראָגן די שווערע אַרבעט, און עס האָט

אויפגעהערט צו קלאַפּן. דאָקטאָר הערצל איז דעמאָלט אַלט געווען פיר און פערציק יאָר.

דאָקטאָר הערצל איז געשטאָרבן, אָבער דער ציוניזם איז געבליבן לעבן אין די הערצער פונעם אידישן פאָלק. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען ווייטער.

IX
די באַלפור דעקלאַראַציע

אין דער צייט פון דער וועלט־מִלְחָמָה, אין 1917, האָט דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער לאָרד באַלפור אַרויסגעגעבן אַ „דעקלאַראַציע", אַז נאָכ־דעם ווי די ענגלישע אַרמיי וועט האָבן באַפרייט ארץ ישׂראל פון דער טער־קישער מאַכט, וועט דאָס לאַנד אָפּגעגעבן ווערן צום אידישן פאָלק צו שאַפן דאָרטן אַ „נאַציאָנאַלע היים".

דאָס איז געווען די גרעסטע בְשׂוֹרָה פאַרן אידישן פאָלק זינט עס איז פאַרטריבן געוואָרן אין גָלוּת.

טויזנטער אידישע יונגעלייט פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך פריי־וויליק פאַרשריבן אַלס לעגיאָנערן אין דער ענגלישער אַרמיי צו העלפן וואָס גיכער באַפרייען דאָס צוגעזאָגטע אידישע לאַנד.

באַלד נאָכדעם ווי די ענגלישע מאַכט האָט איבערגענומען ארץ ישׂראל, האָבן זיך פיל טויזנטער אידן פון אַלע לענדער אַוועקגעלאָזט אַהין צו באַ־זעצן זיך. עס זיינען געשאַפן געוואָרן גרופּעס פון „חֲלוּצִים" (פּיאָנערן) און זיי האָבן זיך גענומען אויפצולעבן דאָס וויסטע, חָרוּב'ע לאַנד.

X
אידן בויען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

אידן האָבן אויפגעטאָן וואונדער אין ארץ ישׂראל.

אידן האָבן אָפּגעקויפט ביי די אַראַבער שטיקער וויסט לאַנד, וואָס איז פון טויזנטער יאָרן געווען פאַרלאָזט, און זיי האָבן דאָרטן געמאַכט אַ גַן־עֵדֶן: פאַרפלאַנצט גערטנער און וועלדער און פאַרזייעט תּבוּאוֹת. די ערד האָט מַמָש אויפגעלעבט. די לופט איז געוואָרן פריש דורך די נייע אידישע וועל־דער. די קראַנקהייטן, וועלכע פלעגן דאָרטן אומגיין תָּמִיד, זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן.

אידן האָבן געגרינדעט גרויסע קאָלאָניעס, אויסגעבויט פּרעכטיקע יִשוּבִים, געפונען וואַסער־קוואַלן און אויסגעגראָבן ברונעמער, אויסגע־

פלאַסטערט די וויסטע וועגן, געמאַכט עלעקטרישע סטאַנציעס און אַריינ־געבראַכט ליכט אומעטום.

אידן האָבן אויסגעבויט די גרויסע, באַרימטע שטאָט „תּל־אָבִיב", אויס־געבויט פאַבריקן, געגרינדעט באַנקען, געעפנט האָספּיטאַלס, שולעס און אַ גרויסן העברייאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

ערשט ניט לאַנג האָבן אידן אויסגעבויט אַן אייגענעם פּאָרט אין „תּל־אביב", וואוהין שיפן ברענגען פּאַסאַזשירן און סחורות פון אַלע עקן וועלט.

אידן האָבן אויך די לעצטע טעג אויסגעבויט אַן אייגענעם לופט־פּאָרט.

איצט זיינען אין ארץ ישראל פאַראַן כִּמְעַט אַ האַלבער מיליאָן אידן, כֵּן יִרְבּוּ.

די אידישע שׂוֹנְאִים צווישן די אַראַבער און אַנדערע פעלקער מאַכן אַסך שטערונגען פאַרן אויפבוי פונעם אידישן לאַנד, אָבער דאָס אידישע פאָלק איז זיכער, אַז די „גְאוּלָה" וועט קומען גיך.

קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

כ'האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ'האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
כ'האָב דעם יַם זיך אָפּגעגעבן —
טראָג מיך יַם צום „מוטער'ס שויס"! . . .

און דו, מַעֲרָב־ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בְּשָׁלוֹם, —
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק,
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק!

די געשיכטע פון חֲנוּכָּה

א

עס איז געווען אין דער צייט ווען די גריכן האָבן איינגענומען דאָס אידישע לאַנד, ארץ ישראל (בְּעֶרֶך צוויי הונדערט יאָר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג), איז אויפגעשטאַנען אַ „מֶלֶך רָשָׁע" אַנטיוֹכוס.

די גריכן האָבן אים גערופן „עפּיפאַנעס", דאָס הייסט: „פון גאָט געבענטשטער"; אָבער אַנדערע האָבן אים גערופן „עפּימאַנעס", דאָס הייסט: „דער משוגענער".

אַנטיוֹכוס האָט געוואָלט, אַז אַלע פעלקער אונטער זיין הערשאַפט זאָלן ווערן „געצנדינער", און זיך פירן אַזוי ווי אַלע גריכן.

דעמאָלט זיינען ביי אידן געוואָרן צוויי פּאַרטייען: איין פּאַרטיי פון „העלעניסטן", און איין פּאַרטיי פון „חֲסִידִים".

צו דער העלעניסטישער פּאַרטיי האָבן באַלאַנגט כִּמְעַט אַלע רייכע לייט. זיי האָבן נאָכגעטאָן די גריכן, געלעבט אויסגעלאַסן, געגעסן און געטרונקען פאַרבאָטענע זאַכן פּונקט ווי די„העלענער" (אֶמֶת'ע גריכן).

צו דער חֲסִידישער פּאַרטיי האָבן געהערט אַלע פּאָלקס־מענטשן. זיי האָבן געלעבט פרום און באַשיידן לויט דער אידישער רעליגיע, און האָבן געהאַסט די גריכישע מִנְהָגִים.

אַנטיוֹכוס, דער משוגענער הערשער, האָט זיך גענומען אויסוואָרצלען די אידישע רעליגיע. ער האָט פאַרבאָטן די אידן צו דינען זייער גאָט און אָפּצוהיטן די מִצְוֹות פון דער אידישער תּוֹרה. ער האָט אַריינגעשטעלט אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ אין יְרוּשָׁלַיִם אַ גרויסע סטאַטוע פונעם גריכישן אָפּגאָט „צעאוּס", און האָט געגויט די אידן צו ברענגען קָרְבָּנוֹת פון חַיוֹת און חֲזֵירִים צום אָפּגאָט. ער האָט פאַרבאָטן די אידן צו היטן שבת און יום־טוב און צו עסן כָּשֵׁר'ע מַאֲכָלִים. ער האָט זיי אויך פאַרבאָטן צו רעדן זייער שפּראַך, העברייאיש. און ווער ס'האָט ניט געפאָלגט דעם באַפעל, איז באַשטראָפט געוואָרן מיט טויט.

פיל אידן זיינען געטויט געוואָרן, אָבער זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן צו דעם משוגענעם אַנטיוֹכוס און צו זיינע באַפעלן.

ב

אין אַ קליין שטעטל, מוֹדִיעִין, האָט דעמאָלט געלעבט אַן אַלטער כֹּהֵן מַתִּתְיָהוּ, פון דער מִשְׁפָּחָה חַשְׁמוֹנָאִים. מַתִּתְיָהוּ האָט געהאַט פינף זין: יוֹחָנָן, שִׁמְעוֹן, יְהוּדָה, אֶלְיעָזָר און יוֹנָתָן.

מתתיהו און זיינע זין זיינען געווען זייער פרומע און ערלעכע אידן. זיי זיינען אַלע געווען גרייט אָפּצוגעבן זייערע לעבנס פאַר זייער לאַנד און פאַר זייער רעליגיע.

איינמאָל איז קיין מוֹדִיעִין אָנגעקומען אַ סירישער אָפיצער מיט סאָל־דאַטן. ער האָט באַלד אויפגעשטעלט אינמיטן שטאָט אַן אַלטאַר (מִזְבֵּחַ) מיט אַן אָפּגאָט און האָט געפאָדערט, אַז אידן זאָלן ברענגען קָרְבָּנוֹת צום אָפּגאָט. אָבער די אידן האָבן געזאָגט, אַז נאָר דער כֹּהֵן האָט אַ רעכט צו ברענגען קָרְבָּנוֹת אויף דעם מִזְבֵּחַ.

האָט דער אָפיצער געשיקט רופן דעם כֹּהן מתתיהו און האָט אים גע־הייסן ברענגען אַ קרבן צום גריכישן אָפּגאָט, אַזוי ווי אַלע אונטערדריקטע פעלקער טוען.

האָט מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן אים געענטפערט:

—זאָלן אַנדערע פעלקער טאָן וואָס זיי ווילן; דאָס אידישע פאָלק אָבער וועט קיינמאָל ניט טאָן אַ זאַך, וואָס איז קעגן זיין גלויבן!

האָט דער אָפיצער געזאָגט:

—אויב אַזוי וועט אונדזער קעניג אַנטיוֹכוּס אומברענגען אייער פאָלק!

האָט מתתיהו געענטפערט:

—קיינער אין דער וועלט האָט דאָס אידישע פאָלק ניט געקאָנט אומ־ברענגען, און אַנטיוֹכוּס וועט עס אויך ניט קאָנען!

אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען און גערעדט, איז איינער אַ איד פון די הע־לעניסטן צוגעקומען צום אַלטאַר און געוואָלט שעכטן אַ קרבן צום אָפּגאָט. מתתיהו האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך געוואָרפן אויף דעם פאַררעטער און אים דערשטאָכן אויפן אָרט. נאָכדעם האָבן מתתיהו'ס זין געטויט אויך דעם אָפיצער און צעבראָכן דעם אַלטאַר און דעם אָפּגאָט.

און אין דעמזעלבן טאָג האָבן די חַשְׁמוֹנָאִים אָנגעהויבן אַן אָפענעם אויפ־שטאַנד. מתתיהו האָט אויסגערופן איבער'ן לאַנד:

— מִ י לַ ד ' אֵ לָ י ! ווער ס'איז פאַרן אידישן גאָט, זאָל גיין מיט מיר!

און עס האָבן זיך אָפּגערופן טויזנטער אידישע גִבּוֹרִים פון דער חֲסִידִי־שער פּאַרטיי, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו מתתיהו'ן מיט זיינע זין.

די חַשְׁמוֹנָאִים האָבן געשאַפן קליינע אַרמיי־אָפּטיילונגען, וועלכע פלעגן זיצן באַהאַלטן אין די בערג און פון דאָרטן אָנפאַלן אויף די גריכישע סאָל־דאַטן. פון די דאָזיקע קליינע אָנפאַלן זיינען פיל טויזנטער גריכן אומגעקומען און אידישע שטעטלעך זיינען באַפרייט געוואָרן.

ג

ווען דער אַלטער מתתיהו הכֹהן איז געשטאָרבן, האָט ער באַשוואָרן זיינע זין פאָרטצוזעצן דעם קאַמף מיט די גריכן פאַרן לאַנד און פאַרן גלויבן.

דער גרעסטער העלד צווישן מתתיהו׳ס פינף זין איז געווען יהודה. יהודה׳ן האָט מען אַ נאָמען געגעבן „יְהוּדָה הַמַכַּבִּי" (– דער האַמער), נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין שלאָגן די שׂוֹנְאִים אין עטלעכע שלאַכטן.

אַרום יְהוּדָה הַמַכַּבִּי האָבן זיך פאַרזאַמלט די בעסטע אידישע זין. און נאָכדעם ווי ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט פון דער גאַנצער אידי־שער אַרמיי, האָט ער באַשלאָסן אַרויסגיין אין אַן אָפענער מִלְחָמָה אַקעגן אַנטיוֹכוּס׳עס אַרמיי.

די אידישע גִבּוֹרִים, אונטער יהודה׳ס פירערשאַפט, האָבן זיך געשלאָגן ווי צערייצטע לייבן. יהודה האָט פאַרטריבן די סירישע–גריכישע מַחֲנוֹת אַרום דער שטאָט יְרוּשָׁלַיִם און ער איז מיט אַ שטאַרקער אַרמיי אַריין אין דער הייליקער שטאָט.

יהודה איז אַרויף אויפן „הַר הַבַּיִת" (דער באַרג פונעם בֵּית־הַמִקְדָשׁ), און ער האָט דערזען אַ טרויעריק בילד: גאָט׳ס הויז איז צעשטערט און פאַר־אומרייניקט, פול מיט שמוץ, און דער אָפּגאָט „צעאוס" שטייט אין סאַמע היי־ליקסטן אָרט. פאַר וויטאָג האָט יהודה צעריסן אויף זיך זיינע קליידער, און ער האָט באַלד באַפוילן צו פאַרריכטן און ריין מאַכן דאָס בית־המקדש.

און ווען די אַרבעט אין גאָט׳ס הויז איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט יהודה געמאַכט אַ יום־טוב פון באַנייאונג, „חֲנוּכַּת הַבַּיִת".

אַכט טעג האָט דעמאָלט געדויערט די שִׂמְחָה פון באַנייאונג. יעדן אָוונט האָט מען אילומינירט דעם „הַר הַבַּיִת" מיט גרויסע פייערן, וועלכע מ׳האָט אָנגעזען גאַנץ ווייט אַרום ירושלים.

און עס דערציילט זיך אַז דעמאָלט האָט אין בית־המקדש געטראָפן אַזאַ נֵס:

מ׳האָט געזוכט הייליקן בוימל צו אָנצינדן די מְנוֹרָה אין בית־המקדש, האָט מען דאָרטן מער ניט געפונען ווי נאָר איין קליין קריגעלע מיט בוימל,

וואָס איז אפילו פאַר איין אָוונט ניט געווען גענוג צו לייכטן. אָבער ווען מ׳האָט דאָס ביסעלע בוימל אַריינגעגאָסן אין דער מְנוֹרה, האָט עס געברענט גאַנצע אַכט אָוונטן.

און דערום איז דער טאָג כ״ה כִּסְלֵו, ווען דער נֵס האָט פּאַסירט, פאַר־בליבן אַלס שטענדיקער יום־טוב „חֲנוּכָּה״ (באַנייאונג), וועלכן אידן פייערן אַכט טעג מיט צינדן ליכט ביזן היינטיקן טאָג.

חֲנוּכָּה־ליד

דאָס שטיבעלע אונדזערס איז אָרים און קליין,
עס צינדט אָן דער טאַטע ליכטעלעך שיין,
און הייבט אָן צו זינגען פּאַמעלעך.
גאָר שטיל נעמט דער טאַטע זינגען זיין ליד,
און ס׳זינגען אויך אַלע קינדערלעך מיט,—
דאַן ווערט אין דעם שטיבעלע פריילעך.

די קליינינקע ליכטעלעך פינקלען מיט שיַין,
זיי ווינקען די קינדערלעך פריילעך צו זיין,
שיינען ווי קליינינקע שטערנדלעך פון ווייטן.
די קינדערלעך באַזינגען די העלדן פון ווייט,
און ווילן אויך אויסוואַקסן שטאַרקע אין שטרייט,
ווי יְהוּדָה הַמַכַּבִּי פון פאַרצייטן!

די העלדין יְהוּדִית

א

אין ארץ ישׂראל איז געווען אַ שטאָט מיטן נאָמען בְּתוּל. די שטאָט איז געווען באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד יְהוּדָה מיט אירע פרומע און העלדישע אידן. די אידן פון בְּתוּל פלעגן זיין די ערשטע צו קעמפן מיט יעדן שׂוֹנֵא פונעם אידישן פאָלק און פונעם אידישן לאַנד.

ווען דער גרויסער רָשָׁע, גענעראַל האָלאָפערנעס, האָט געוואָלט אָנ־פאַלן אויף ארץ ישׂראל, האָט ער דערום שטאַרק מוֹרָא געהאַט פאַר די אידן פון בתול און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרניכטן אָט די שטאָט צום ערשטן.

האָלאָפערנעס האָט געשיקט אַ גרויסע אַרמיי צו באַלאַגערן בתול, אַז קיינער זאָל פון דאָרטן ניט קאָנען אַרויסגיין און אַהין ניט אַריינקומען. און דערצו האָט ער פאַרכאַפּט אַלע וואַסער־קוואַלן, וועלכע זיינען געווען אַרום דער שטאָט. און אַזוי האָט האָלאָפערנעס געוואָלט אומברענגען די שטאָט דורך הונגער און דאָרשט.

עס זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן. די וואַסער, וואָס די אידן האָבן פאַר־גרייט צום טרינקען, האָט זיך אויסגעלאָזן, און אין שטאָט איז שוין קיין טראָפּן וואַסער ניט געבליבן. דער דאָרשט האָט אָנגעהויבן צו מאַטערן די באַפעל־קערונג. געזונטע זיינען געבליבן אָן כּוֹחות. קראַנקע זיינען אויסגעגאַנגען. פרויען און קינדער זיינען געלעגן אין די גאַסן פאַר'חַלָשׁ'טע און ס'איז ניט גע־ווען מיט וואָס צו דערמונטערן זיי.

דעמאָלט האָבן זיך די איינוואוינער פון דער שטאָט, גרויס און קליין, פאַרזאַמלט אַרום הויז פון דעם הויפּט פון דער שטאָט בתול, וועלכער האָט געהייסן עוּזִיָה, און זיי האָבן געוויינט און געשריגן צו אים און צו זיינע געהילפן:

—גייט אַרויס און מאַכט שָׁלוֹם מיט דעם גענעראַל האָלאָפערנעס, ווייל מיר קאָנען שוין ניט איבערטראָגן! עס איז שוין בעסער צו ווערן קנעכט ביי האָלאָפערנעס'ן, איידער צוצוזען ווי אונדזערע קינדער גייען אויס פאַר אונ־דזערע אויגן! . . .

עוּזִיָה, דער הויפּט פון בתול, האָט אָבער געוואוסט, אַז ווי נאָר מ'וועט האָלאָפערנעס'ן אַריינלאָזן אין שטאָט אַריין, וועט ער אויס'הַרְג'ענען אַלע אידן ביז איינעם, און ער האָט דערום געבעטן דאָס פאָלק:

—הערט מיך אויס, מיינע ברידער, און גאָט וועט אייך אויך אויסהערן!

אונדזערע מענטשן פון בתול זיינען שטענדיק געווען פול מיט מוט, און מיר טאָרן אויך איצט דעם מוט ניט פאַרלירן!

ב

אין יענער צייט האָט אין דער שטאָט בתול געלעבט אַ פרוי מיטן נאָמען יְהוּדִית.

יְהוּדִית איז געווען די טאָכטער פון שִׁמְעוֹן כֹּהֵן־גָדוֹל, וועלכער האָט זי דערצויגן אַלס אַ געטרייע אידישע טאָכטער.

די פרוי יהודית איז געווען אַן אַלְמָנָה. איר מאַן, מְנַשֶּׁה, איז אין שניט־צייט געשטאָרבן ביי דער אַרבעט אין פעלד פון אַ זון־שלאַג.

יהודית איז געווען זייער אַ שיינע פרוי, און אויך אַ רייכע. איר מאַן האָט איר איבערגעלאָזט זייער פיל גאָלד און זילבער, הייזער און פעלדער, שאָף און רינדער, קנעכט און דינסטן. אָבער זי האָט פון איר רייכקייט ניט געוואָלט הֲנָאָה האָבן. זי פלעגט צעטיילן אַסך געלט פאַר אָרימע.

ווען יהודית האָט געזען, אַז די אידן פון דער שטאָט בתול שטייען אין אַ גרויסער סַכָּנָה, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן צו מַפְקִיר זיין איר אייגן לעבן און ראַטעווען די שטאָט.

יְהוּדִית האָט געשיקט רופן עוּזִיָה׳ן, דעם הויפּט פון בתול מיט זיינע גע־הילפן און זי האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

—הערט מיך אויס! איך האָב אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו ראַטע־ווען די שטאָט, און איך האָף, אַז גאָט וועט מיר העלפן אַלץ דורכצופירן בְּשָׁלוֹם! היינט ביינאַכט וועל איך מיט מיין דינסט אַרויסגיין צום שׂוֹנֵא׳ס לאַגער, און דו, עוזיה, און דיינע געהילפן זאָלט שטיין ביים טויער פון שטאָט און זיין גרייט פאַר מיין באַפעל!

עוזיה האָט זיך זייער דערשראָקן און געפרעגט:

—ליבע שוועסטער יהודית, האָסטו גאָר קיין מורא ניט איינצושטעלן דיין לעבן? ווען דער שׂוֹנא וועט דערזען אַזאַ שיינע אידישע פרוי ווי דו, וועט ער דיך געוויס שוין קיין לעבעדיקע צוריק ניט אַרויסלאָזן!

האָט יהודית געענטפערט:

—טאַקע דערפאַר וואָס גאָט האָט מיך געבענטשט מיט שיינקייט, האָף איך צו באַזיגן דערמיט דעם שׂוֹנא! . . .

—און וואָס דענקסטו צו טאָן דאָרטן, שוועסטער יהודית?—האָט עוזיה זי ווידער געפרעגט.

—פרעג ביי מיר קיין פראַגעס ניט מער, עוזיה! — האָט יהודית אים ניט געלאָזט רעדן. איך בין זיכער, אַז גאָט וועט זיין מיט מיר אין דעם געפערלעכן וועג אויף וועלכן איך גיי! פאַר מיין פאָלק און פאַר מיין לאַנד בין איך גרייט אַלץ אָפּצוגעבן! . . .

עוזיה און זיינע געהילפן האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט און האָבן געבענטשט יהודית'ן:

—גאָט זאָל דיך בענטשן און זאָל דיך אָפּהיטן! גיי און באַגליק, און נעם נְקָמָה אָן דעם פיינט פון ישראל!

ג

די זון האָט אָנגעהויבן זיך צו זעצן. אין מַעֲרָב־זייט האָט דער הימל זיך אָנגעצונדן ווי מיט אַ העליש פייער. יהודית האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אין איר צימער אויפן אויבערשטן שטאָק און זי האָט גענומען תּפילה טאָן.

די שאָטנס פון אָוונט האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט בתול. יהודית האָט פאַרענדיקט איר געבעט. זי איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן אין גרויסן עס־צימער, וואו זי פלעגט זיצן נאָר שבת און יום־טוב. זי האָט אויסגעטאָן אירע שוואַרצע טרויער־קליידער און אָנגעטאָן די שענסטע קליידער וואָס זי האָט פאַרמאָגט, זי האָט זיך פאַרפּוצט אין איר בעסטן צירונג פון דימענטן און בריליאַנטן, און זי האָט באַשמירט איר לייב מיט די בעסטע און שמעקענדיקסטע פאַרפומען.

יהודית האָט באַפוילן אירע דינסטן אָנצופילן עטלעכע קריגלעך מיט אַלטן וויין און מיט מילך און עטלעכע קוישן מיט ברויט און מיט פאַרשיידענע שפּייזן, און דאָס אַלץ אָנלאָדן אויף אַ קליין אייזעלע. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, איז יהודית מיט איר דינסט אַרויסגעגאַנגען צום טויער פון שטאָט.

ביים טויער האָבן שוין געוואַרט עוזיָה מיט זיינע געהילפן און די גִבּוֹרים, וועלכע האָבן געוואַכט טאָג ווי נאַכט.

—זייט געזונד און בעט גאָט! — האָט יהודית זיך געזעגנט מיט אַלע. געדענקט, אַז קיינער פון אייך טאָר ניט אַרויסגיין פון דאַנען צו זוכן מיך, אויב איך קום ניט צוריק אַזוי גיך! געדענקט, אַז איך שטעל איין מיין לעבן כְּדֵי צו ראַטעווען די שטאָט, און קיינער פון אייך טאָר מיר ניט שטערן אין דעם!

עוזיה און די עלטסטע פון שטאָט האָבן מיט טרערן אין די אויגן און מיט גרויס כָּבוֹד און ליבע געזאָגט:

—גיי מיט פרידן, שוועסטער יהודית! זאָל דער גאָט פון די אָבוֹת דיר

געבן חן אין די אויגן פון אַלע מענטשן וועלכע דו וועסט באַגעגענען, און אַלץ וואָס דו האָסט פאַרטראַכט זאָל אויסגעפירט ווערן גרינג און גיך!

די וועכטער האָבן אויף גיך געעפנט דעם טויער פון שטאָט. יהודית און איר דינסט מיט׳ן אייזעלע זיינען אַרויס און האָבן זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ דעם באַרג צו מִזרח־זייט, וואו דער לאַגער פון דעם גענעראַל האָלאָפערנעס האָט זיך געפונען.

ד

די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך אין האָלאָפערנעס׳עס לאַגער, האָבן ביי דער שיין פון די ברענענדיקע פאַקלען דערזען פונווייטן אָנקומען צוויי געשטאַלטן פון פרויען, און זיי האָבן אויסגערופן אויף אַ קול:

—בלייבט שטיין, וואָרים מיר וועלן שיסן!

יהודית און איר דינסט זיינען באַלד געבליבן שטיין. די סאָלדאַטן זיינען צוגעקומען נאָענט צו זיי און געפרעגט:

—ווער זענט איר? פון וואַנען קומט איר? און וואָס דאַרפט איר דאָ?

האָט יהודית געענטפערט:

—איך בין אַ אידישע טאָכטער. איך קום פון בתול מיט זייער אַ וויכטיקער שְליחות. איך האָב געזען, אַז מיין שטאָט וועט באַלד מוזן אַריינפאַלן צו אייך אין די הענט, בין איך אַנטלאָפן אַהער. איך האָב איבערצוגעבן אייער גענעראַל אַסך סודות!

ווען די סאָלדאַטן האָבן געבראַכט יהודית׳ן באַגלייט מיט ברענענדיקע פאַקלען, איז האָלאָפערנעס געלאָפן אַנטקעגן איר.

דער גענעראַל האָט אָנגענומען יהודית׳ן ביי דער האַנט, ער האָט זי אַריינגעפירט צו זיך אין צימער און געבעטן, אַז זי זאָל אים דערציילן פאַרוואָס זי איז אַנטלאָפן פון איר שטאָט בתול, און וואָס זיינען די סודות וואָס זי ווייסט.

האָט יהודית געזאָגט:

—איך ווייס אַז מיין פאָלק האָט געזינדיקט צו גאָט, און ער וועט געוויס איבערגעבן די שטאָט אין דיינע הענט, וואָרים ער איז אַ גאָט פון נְקָמָה. און דערום האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז ס׳איז בעסער פאַר מיר צו אַנטלויפן פון דאָרטן און ראַטעווען מיין יונג לעבן. און איך האָב פאַר דיר זייער אַ גוטן פּלאַן!

—וואָס איז דיין פּלאַן?—האָט האָלאָפערנעס געפרעגט.

—מיין פּלאַן איז צו פאַרהיטן אַ שלאַכט צווישן מיין פאָלק און דיין אַר־מיי!—האָט יהודית געענטפערט.

—ווי אַזוי קאָנסטו דאָס פאַרמיידן?

—אָט ווי אַזוי: ווען דו וועסט מיר דערלויבן יעדע נאַכט אַרויסצוגיין פון דיין לאַגער אומגעשטערט, וועל איך זיך קאָנען דורכרעדן מיט די וועכ־טער, וועלכע שטייען ביים טויער פון שטאָט, וועגן אַלץ וואָס דאָרטן קומט פאָר. און אַזוי גיך ווי איך וועל אויסגעפינען די גינסטיקע צייט פאַר דיין אַר־מיי אַריינצוקומען אין שטאָט אַריין, וועל איך לויפן און דיר באַלד לאָזן וויסן דערפון! איך וועל אַליין דאַן גיין פאָראויס און דיך פירן אַלס זיגער איבער דעם גאַנצן לאַנד יהודה. איך וועל פאַר דיר אַוועקשטעלן אַ הויכן שטול אינמיטן שטאָט, און איך וועל דיין קאָפּ דערהייבן איבערן גאַנצן פאָלק!...

האָלאָפערנעס איז געוואָרן זייער פריילעך פון יהודית׳עס ווערטער. ער האָט באַפוילן אָפּצוגעבן פאַר׳ן גאַסט דעם שענסטן צימער און ברענגען פאַר איר עסן און טרינקען פון דעם בעסטן.

יעדן טאָג האָט יהודית פאַרבראַכט מיט האָלאָפערנעס׳ן אין לאַגער. זי האָט זיך באַקענט מיט אַלע אָפיצירן פון זיין אַרמיי. זי האָט אויסגעקוקט אַלע וועגן, וועלכע דער שׂוֹנא האָט געמאַכט כְּדֵי צוצוקומען קיין בתול. און יעדע נאַכט פלעגט זי אַרויסגיין פריי און אומגעשטערט צום טויער פון דער שטאָט און דאָרטן איבערגעבן די וועכטער אַלע נויטיקע יְדִיעוֹת...

ה

פיר טעג האָט יהודית פאַרבראַכט אין שׂוֹנא׳ס לאַגער. האָלאָפערנעס האָט זיך זייער באַפריינדעט מיט איר און געליבט איר שיינקייט און איר חָכְמָה.

אויפן פינפטן טאָג האָט האָלאָפערנעס געמאַכט אַ גרויסע סְעוּדָה לְכָבוֹד זיין פריינדין יהודית׳ן. צו דער סעודה זיינען געווען געלאַדן אַלע אָפיצירן פון דער אַרמיי. אַלע האָבן געטרונקען און זיך געפרייט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

באַגלייטנדיק יהודית׳ן פון דער סעודה אַהיים האָט האָלאָפערנעס זי אַ פרעג געטאָן:

—ליבע יהודית! ווען איך בעט ביי דיר אַ זאַך, וואָס קאָן מיך מאַכן גליקלעך, וואָלסטו עס געטאָן פאַר מיר?...

—ניטאָ אַזאַ זאַך, וועלכע איך זאָל ניט זיין גרייט צו טאָן פאַר דיר, גע־נעראַל!...

האָלאָפערנעס האָט פאַרבעטן יהודית׳ן צו זיך אין הויז צו פאַר־ברענגען מיט אים נאָך אַביסל. ער האָט געשטעלט ווייַן צום טיש און געבעטן יהודית׳ן צו טרינקען לכבוד זייער פריינטשאַפט.

אָבער יהודית האָט געזאָגט:

–איך טרינק ניט קיין ווייַן אַזוי שפּעט בייַנאַכט! איך וועל טרינקען מילך, און פאַר דיר, ליבער גענעראַל, וועל איך ברענגען פון מייַן אַלטן שטאַרקן ווייַן!

האָלאָפערנעס האָט פאַרזוכט יהודית׳עס ווייַן, און ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אים.

האָלאָפערנעס האָט אַזוי לאַנג געטרונקען, ביז ער האָט שוין אפילו מיט דער צונג ניט געקאָנט פּלאָנטערן. זייַנע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט, און ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און איז אייַנגעשלאָפן.

דעמאָלט האָט יהודית אַ זאָג געטאָן צו זיך:

–איצט איז געקומען די צייַט אויסצופירן מייַן פּלאַן!...

יהודית האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן האָלאָפערנעס׳עס שווערד, וועלכע איז געהאַנגען ביי אים איבער׳ן בעט. זי איז צוגעלאָפן צום שלאָפנדיקן גענעראַל און האָט מיט דער שווערד דערלאַנגט צוויי שטאַרקע קלעפּ איבער זייַן האַלדז און אים אָפּגעהאַקט זייַן קאָפּ.

פאַרזיכטיק, שטיל און רואיק האָט יהודית איבערגעדעקט האָלאָפער־נעס׳עס טויטן קערפּער, און זייַן קאָפּ האָט זי אַרייַנגעלייגט אין אַ זאַק. זי האָט זיך אָנגעטאָן אירע קליידער, גענומען דעם זאַק, איז אַרויס אין דרויסן און אים איבערגעגעבן צו איר דינסט, וועלכע האָט געוואַרט אויף איר.

די סאָלדאַטן האָבן דערזען יהודית׳ן מיט איר דינסט, און זיי האָבן מיט גרויס כּבֿוד זיי באַגלייט איבער׳ן לאַגער, ווי זיי פלעגן דאָס טאָן יעדע נאַכט.

און ווי נאָר יהודית איז צוגעקומען צום טויער פון דער שטאָט בתול, האָט זי מיט גרויס פרייד אַרויפגעשריגן צו די אידישע וועכטער:

–עפנט דעם טויער שנעל, אונדזער פאָלק איז געהאָלפן!...

דער הויפּט פון בתול, עוזיה, וועלכער האָט די גאַנצע צייַט געוואַרט ביים טויער אויף יהודית׳ן, איז צוגעלאָפן צו איר און געפרעגט:

–וואָס איז די בְּשׂוֹרָה, וואָס דו האָסט אונדז געבראַכט, שוועסטער יהודית?

–איך האָב אייך געבראַכט אַ בשורה מיט אַ מַתָּנָה צוזאַמען!–האָט יהודית געענטפערט.

יהודית האָט פּאַמעליכן אַרויסגענומען האָלאָפּאָרנעס'עס קאָפּ פונעם זאַק, און האָט אים אויפגעהויבן איך דער לופטן און אויסגערופן:

—אָט דאָ האָט איר דעם קאָפּ פון אונדזער שׂונא! געלויבט זאָל זיין דער גאָט פון אונדזערע עלטערן, וואָס האָט באַגליקט מיין שְׁלִיחות!...

דאָס גאַנצע פאָלק איז געוואָרן ווילד פאַר פרייד.

ו

אויף מאָרגן ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן די אידישע וועכטער פון דער שטאָט בתול גענומען דעם קאָפּ פון האָלאָפּערנעס'ן און אים אויפגעהאָנגען אויף אַ הויכן שטאַנג איבער'ן טויער.

די אידישע סאָלדאַטן זיינען באַוואָפנטע אַרויס פון דער שטאָט און זיי האָבן פון באַרג אַראָפּגעשריגן צו האָלאָפּערנעס'עס סאָלדאַטן:

—קוקט זיך גוט איין און זעט ווי אייער גענעראַל'ס קאָפּ איז דערהויבן געוואָרן!...

אַ גרויסע שרעק איז אָנגעפאַלן אויף דער גאַנצער אַרמיי. די אָפיצירן האָבן געזען, אַז זיי מוזן זיך וואָס גיכער ראַטעווען. אָבער זיי האָבן באַלד אויסגעפונען, אַז אַלע וועגן זיינען שוין פאַרשטעלט מיט אידישע סאָלדאַטן, און ס'איז פאַר זיי ניטאָ קיין אַנטרינונג.

אַסך פון האָלאָפערנעס'עס סאָלדאַטן זיינען געטויט געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך געשטעלט מִלְחָמָה האַלטן מיט די אידן, און די איבעריקע זיינען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

די אידן פון בתול האָבן באַלד אַוועקגעשיקט שליחים קיין ירושלים אָנצוזאָגן די גוטע בשׂורה, אַז האָלאָפערנעס איז געפאַלן און דאָס אידישע לאַנד איז געראַטעוועט.

דער כֹּהֵן גדול און די עלטסטע פון ירושלים זיינען באַלד געקומען קיין בתול און זיי האָבן אַלע געבענטשט און געלויבט די העלדין יהודית:

—זאָל דער נאָמען יהודית בלייבן געבענטשט אויף אייביק פאַר דער הילף וואָס זי האָט געבראַכט צו אונדזער לאַנד!

אַלע אידישע פרויען האָבן באַגעגנט יהודית'ן מיט פּויקן און מיט טענץ און מיט פריילעך געזאַנג.

זיי האָבן אויסגעפלאָכטן קראַנצן מיט בלומען און אָנגעטאָן יהודית'ן אויפן קאָפּ און געזונגען:

—געלויבט זאָל זיין גאָט! און געבענטשט זאָל זיין אונדזער העלדין יהודית!

העלדן און נעמען
פון אונדזער היסטאָריע

אַבְרָהָם

אַבְרָהָם איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט ניט געוואָלט גלויבן אין די געצן צו וועלכע אַלע מענטשן האָבן דאַן געדינט, און ער האָט דערקלערט, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין איינציקער גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט.

און אַזוי פלעגט אברהם אויפקלערן אַלע מענטשן, אַז זיי זאָלן ניט גלויבן אין אָפּגעטער, נאָר אין דעם באַשעפער פון דער וועלט.

שָׂרָה

שָׂרָה איז געווען אברהם'ס ווייב. שׂרה איז געווען אַן עֲקָרָה (קינדערלאָזע). זי האָט קיין קינד ניט געהאַט ביז אין דער טיפער עלטער.

די לעגענדע דערציילט: אברהם איז געווען אַ גרויסער „מַכְנִיס

אורְחִים", ער פלעגט בעטן יעדן פאַרבייגייער אַריינצוקומען צו אים אין הויז עסן און טרינקען. און שׂרה איז געווען אַזאַ גוטע, אַז זי פלעגט פאַר אַלע אורחים (געסט) צוגרייטן פונעם בעסטן וואָס זי האָט געהאַט.

הָגָר

הָגָר איז געווען אַ מִצְרִישע פרוי (פון מִצְרַיִם). זי איז געווען אַ דינסט ביי שׂרה'ן אַסך יאָרן.

שׂרה האָט געזען, אַז זי איז שוין אַלט און קאָן קיין קינד ניט געבוירן, האָט זי אַוועקגעגעבן איר דינסט הגר'ן צו אברהמ'ען פאַר אַ ווייב, און ווען הגר וועט האָבן אַ קינד, וועט עס זיך רעכענען פאַר איר, שׂרה'ס, קינד.

באַלד ווי הגר איז געוואָרן אברהם'ס צווייטע ווייב, האָט זי אָנגעהויבן זיך גרויס־האַלטן אַקעגן שׂרה'ן. שׂרה האָט זי דערפאַר געפייניקט, און הגר האָט געמוזט פאַר איר אַנטלויפן.

ווען הגר איז געווען אין דער מִדְבָּר, האָט אַ מַלְאָך פון גאָט זי באַגעגנט און איר געהייסן גיין צוריק אַהיים און ליידן, ווייל זי וועט געבוירן אַ זון פון אברהמ'ען.

יִשְׁמָעֵאל

הגר האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן יִשְׁמָעֵאל.

דער מַלְאָך פון גאָט האָט געהייסן רופן דעם זון ישמעאל, ווייל אין העברייאיש מיינט עס: „יִשְׁמַע־אֵל", גאָט וועט דערהערן הָגָר'ס פּיין.

דער מלאך האָט אויך פאָרויסגעזאָגט, אַז ישמעאל וועט זיין אַ „פֶּרֶא אָדָם", אַ ווילדער מענטש, זיין האַנט וועט זיין אויף יעדן, און יעדנס האַנט וועט זיין אויף אים.

מַלְאָכִים

איינמאָל, ווען אברהם איז געזעסן אין אַ הייסן טאָג ביים אַריינגאַנג פון געצעלט, זיינען אָנגעקומען צו אים דריי מַלְאָכִים אין געשטאַלט פון מענטשן. אברהם איז געלאָפן אַקעגן זיי און האָט זיי פאַרבעטן צו זיך אין הויז צו עסן און צו טרינקען.

ביים עסן האָט דער עלצטער פון די מלאכים געזאָגט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט שׂרה געבוירן אַ זון.

שׂרה האָט געהערט און געלאַכט דערפון, ווייל זי איז שוין געווען זייער

אַלט. האָט דער מַלְאָך געזאָגט צו איר: „לאַך ניט, וואָרים ס'איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס גאָט קאָן ניט טאָן!"

סְדוֹם און עֲמוֹרָה

סְדוֹם און עֲמוֹרָה זיינען געווען צוויי זינדיקע שטעט. אַלע מענטשן דאָרטן זיינען געווען גַזְלָנִים און רוֹצְחִים, און גאָט האָט באַשלאָסן אומצו־ברענגען זיי.

איינער פון די דריי מַלְאָכִים וועלכע זיינען געקומען צו אברהמ'ען האָט אים געזאָגט, אַז ער גייט פאַרברענען די שטעט. אברהמ'ס אַ פּלימעניק, זיין ברודער'ס זון, לוט, האָט געוואוינט אין סדום. אבער אברהם האָט רַחמָנות געהאַט ניט נאָר אויף זיין קָרוֹב לוט, נאָר אויך אויף אַלע מענטשן פון יענע שטעט. האָט אברהם גענומען בעטן צו גאָט, אַז אויב עס זיינען נאָך פאַראַן ערלעכע מענטשן (צַדִיקִים) דאָרטן, זאָל ער צוליב די ערלעכע ראַטע־ווען אויך די זינדיקע.

אָבער אין סדום און עמורה זיינען קיין צדיקים ניט געווען, אַחוץ לוט'ן. האָבן די מלאכים געהייסן לוטן מיט זיין ווייב און טעכטער אַנטלויפן פון סדום, ווייל גאָט מוז אומברענגען די שטעט.

און די צוויי שטעט סְדוֹם און עֲמוֹרָה זיינען פאַרברענט געוואָרן אין פייער.

אֱלִיעֶזֶר

אֱלִיעֶזֶר איז געווען אברהמ'ס קנעכט, דער הויפּט־אויפזעער פון זיין הויז.

אברהם האָט געזאָגט צו גאָט: „איך גיי אַוועק פון דער וועלט אָן אַ קינד, און מיין קנעכט אליעזר וועט מיך יַרש'ען!"

האָט גאָט געענטפערט אברהמ'ען: „ניין, ניט דער קנעכט וועט דיך יַרש'ען, נאָר דיין אייגענער זון! דיינע קינדער וועלן נאָך זיין אַזוי פיל, ווי די שטערן אין הימל און ווי די זאַמד אויפן ברעג פון יַם!"

יִצְחָק

אַ יאָר שפּעטער, נאָך דעם ווי דער מלאך האָט גערעדט צו שָׂרָה'ן, האָט שׂרה געבאָרן אַ זון, און זי האָט אים גערופן „יִצְחָק" (לאַכן), ווייל זי האָט

געזאָגט: ווען מ'וועט הערן, אַז זי האָט געבאָרן אַ זון אויף דער עלטער, וועט מען לאַכן פון איר! . . .

יצחק איז געוואַקסן צוזאַמען מיט יִשְׁמָעאֵל'ן. שׂרה האָט דאָס אָבער ניט געוואָלט ליידן, ווייל ישמעאל איז געווען ווילד (אַ פֶּרֶא אָדָם), האָט זי גע־בעטן אברהמ'ען, און ער האָט פאַרטריבן הָגָר'ן מיט איר זון פון הויז.

הגר מיט איר קינד זיינען געווען אין דער מִדְבָּר. ישמעאל איז געוואָרן דאָרשטיק און געוויינט נאָך וואַסער, און די מוטער האָט ניט געקאָנט צוזען די ליידן פונעם קינד. איז געקומען אַ מלאך און האָט אָנגעוויזן הגר'ן וואו זי קאָן געפינען וואַסער. זי איז געגאַנגען און האָט דאָרטן אָנגעטרונקען דאָס קינד.

דער מלאך האָט הגר'ן געטרייסט און געזאָגט, אַז „ישמעאל" וועט נאָך זיין אַ גרויס פאָלק.

ישמעאל איז אויסגעוואַקסן אַ מדבר־מענטש, אַ יעגער, אַ שיסער.
און יצחק איז געוואַקסן אין דערהיים ביי זיינע עלטערן.

„עֲקֵדָה"

גאָט האָט געוואָלט פּרואוון אברהמ'ען. ער האָט אים געהייסן נעמען זיין איינציקן זון, יִצְחָק'ן, צום באַרג מוֹרִיָה און דאָרטן אים שעכטן פאַר אַ „קָרְבָּן" צו גאָט . . .

אברהם האָט גענומען יצחק'ן, האָט אַרויפגעלייגט אויף אים האָלץ, מיטגענומען אַ שלאַכטמעסער און פייער און האָט אים געבראַכט צום באַרג מוֹריה. דאָרטן האָט אברהם געבונדן יצחק'ן („עֲקֵדָה" הייסט בינדן) און שוין געוואָלט אים שעכטן.

אָבער אַ מַלְאָך פון גאָט האָט אַ געשריי געטאָן: „אברהם! לייג ניט דיין האַנט אויפן אינגל! דאָס האָט גאָט געוואָלט נאָר פּרואוון דיך, אויב דו וועסט אים פאָלגן!"

דאָ האָט אברהם דערזען, ווי אַ באַראַן (רעם) האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט זיינע הערנער אָן אַ צווייג, האָט ער אים גענומען און אים געבראַכט אַלס קרבן אָנשטאָט יצחק'ן.

רִבְקָה

רִבְקָה איז געווען די טאָכטער פון בְּתוּאֵל, און די שוועסטער פון לָבָן, פון אֲרַם נַהֲרַיִם (מעסאָפּאָטאַמיע).

ווען אברהם האָט געוואָלט נעמען אַ ווייב פאַר זיין זון יצחק'ן, האָט ער

געשיקט זיין קנעכט אֱלִיעֶזֶר'ן קיין אֲרַם נַהֲרַיִם, אַז ער זאָל דאָרטן אויסקלייבן אַ מיידל. אברהם האָט ניט געוואָלט נעמען אַ שנור פון די טעכטער פון כְּנַעַן, נאָר פון זיין געבורט־לאַנד.

אליעזר האָט מיטגענומען קעמלען און אַסך צירונג אַלס מַתָּנוֹת פאַר דער כַּלָה. אויפן וועג האָט אליעזר זיך געמאַכט אַ סִימָן: ער וועט צוקומען צו אַ ברונעם, וואו מיידלעך שעפּן וואַסער, און ער וועט בעטן אַ טרונקוואַסער, און די מיידל וועלכע וועט אים ענטפערן: „טרינק, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען!"—יענע מיידל וועט זיין די באַשערטע כלה פאַר יצחק'ן.

אליעזר איז געקומען קיין ארם נהרים פאַרנאַכט. ער איז צוגעפאָרן מיט זיינע קעמלען צום ברונעם. דעמאָלט איז רבקה אַרויסגעקומען מיט איר קרוג אויפן אַקסל אָנצושעפּן וואַסער. האָט אליעזר איר געזאָגט: „גיב מיר אַ טרונק וואַסער!" האָט רבקה געענטפערט: „טרינק, מיין האַר, און אויך פאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן וואַסער!"

דעמאָלט האָט אליעזר איר געגעבן די כַּלָה־מַתָּנוֹת, איז מיט איר גע־גאַנגען צו איר פאָטער'ס הויז און האָט געבעטן זיין דערלויבעניש צו נעמען רבקה'ן פאַר אַ ווייב צו יצחק'ן.

יַעֲקֹב און עֵשָׂו

רִבְקָה האָט חֲתוּנָה געהאַט מיט יִצְחָק'ן. אָבער צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער און זי האָט קיין קינד ניט געהאַט. יצחק און רבקה האָבן געבעטן גאָט—און רבקה איז טראָגנדיק געוואָרן.

רבקה האָט געליטן גרויסע ווייטאָגן. איז זי איינמאָל אַוועק צו אַ נָבִיא און האָט אים געפרעגט. האָט דער געטליכער מאַן געזאָגט צו איר אַזוי: „צוויי פעלקער זיינען אין דיין בויך! און איין פאָלק וועט זיין שטאַר־קער פונעם צווייטן!"

און רבקה האָט געבאָרן אַ צווילינג. צוויי אינגלעך. איינער איז געווען אַ רויטער און אַ האָריקער, האָט מען אים גערופן „עֵשָׂו" (אַ פאַרטיקער). און דער צווייטער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין ערשטנס טריט, האָט מען אים דער־פאַר גערופן „יַעֲקֹב" (אַ טריט).

עשׂו איז אויסגעוואַקסן אַ פעלד־מענטש. און יעקב איז געווען אַ שטי־לער, איז געזעסן אין געצעלט.

בְּכוֹרָה

בְּכוֹרָה הייסט די רעכט פונעם ערשט־געבוירענעם זון (בכוֹר).

עֵשָׂו איז איינמאָל געקומען הונגעריק פונעם געיעג און האָט געזען, אַז יַעֲקב האָט אָפּגעקאָכט אַ זופּ פון לינדזן. האָט עשׂו געזאָגט צו יעקב'ן: „לאָז מיך אָנזיפּן פון דעמדאָזיקן רויטן זופּ!" האָט יעקב אים געזאָגט: „פאַרקויף מיר דערפאַר די בכוֹרה!"

עשׂו האָט באַלד איינגעשטימט און געענטפערט: „איך בין סיי־ווי שטענדיק אין פעלד און כ'קאָן יעדע מינוט פאַרצוקט ווערן פון אַ חַיָה, איז צו וואָס טויג מיר די בכוֹרה?"

און עשׂו האָט פאַרקויפט יעקב'ן די בכוֹרה פאַר דעם זופּ.

קוֹל יַעֲקֹב — יְדֵי עֵשָׂו

יצחק האָט ליב געהאַט עשׂו'ן, און רבקה האָט בעסער ליב געהאַט יעקב'ן.

יצחק איז אַלט געוואָרן. ער האָט שוין ניט געקאָנט זען. האָט ער איינמאָל צוגערופן עשׂו'ן און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „כ'בין שוין אַלט. כ'ווייס ניט ווען איך וועל שטאַרבן. גיי אין פעלד, פאַנג עפּעס און מאַך פאַר מיר „מַטְעַמִים", אַ גוט געקעכץ, ווי איך האָב ליב, וועל איך דיך בענטשן איידער איך שטאַרב!"

רבקה האָט דאָס געהערט און באַלד דערציילט יעקב'ן וועגן דעם. ווען עשׂו איז אַוועק אין פעלד אַריין, האָט רבקה געהייסן יעקב'ן צו ברענגען צוויי יונגע שעפּעלעך. זי האָט זיי אָפּגעקאָכט, און יעקב האָט אָפּגעטראָגן דאָס געקעכץ צום פאָטער, כְּדֵי יצחק זאָל בענטשן אים אָנשטאָט עשׂו'ן.

יעקב האָט אָבער מוֹרא געהאַט טאָמער וועט דער פאָטער אים אַ טאַפּ טאָן, און וועט דערפילן, אַז ער איז ניט האָריק, אַזוי ווי עשׂו, וועט אים דער פאָטער שילטן אָנשטאָט בענטשן. האָט רבקה גענומען און אַרויפגעטאָן אויף יעקב'ס האַלדז און הענט די פעל פון די יונגע געקוילעטע שעפּעלעך, כּדי ער זאָל אויך זיין האָריק.

יעקב האָט געבראַכט דאָס געקעכץ צום פאָטער און געזאָגט: „פאָטער מיינער, זעץ זיך אויף און עס פון מיין געפאַנג, כּדי דו זאָלסט מיך בענטשן!" ווען יצחק האָט דערהערט די שטים, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „קום אַהער, מיין זון, און לאָמיך דיך אָנטאַפּן!" יצחק האָט אָנגעטאַפּט יעקב'ן און האָט געזאָגט

פאַרוואונדערט: הַקּוֹל קוֹל־יַעֲקֹב–וְהַיָּדַיִם יְדֵי־עֵשָׂו"–די שטים איז יעקב׳ס שטים, און די הענט זיינען עשׂו׳ס הענט . . .

יצחק האָט אָפּגעגעסן און האָט געגעבן יעקב׳ן זיין בְּרָכָה (בענטשונג).

בֵּית־אֵל

ווען עשׂו איז געקומען פונעם פעלד און איז געוואויר געוואָרן, אַז יעקב האָט אויסגענאַרט די ברכה ביי יצחק׳ן, האָט זיין כַּעַס אין אים געברענט, און ער האָט געזאָגט, אַז נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט וועט ער יעקב׳ן הַרג׳ענען.

יעקב איז אַנטלאָפן פון דערהיים אויס מוֹרא פאַר עשׂו׳ן. אויפן וועג האָט זיך יעקב׳ן גע׳חָלוֹמט אַזאַ חָלוֹם: אַ לייטער שטייט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל. און מַלְאָכִים פון גאָט גייען אַרויף און אַראָפּ. און גאָט שטייט לעבן אים און זאָגט אים: „איך בין דער גאָט פון דיינע עלטערן אַבְרָהָם און יִצְחָק! אָט דאָס לאַנד, וואו דו ליגסט, וועל איך אַוועקגעבן צו דיר און צו דיינע קינדער! איך וועל דיך אומעטום היטן, און איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן!"

ווען יעקב איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי פון שלאָף, האָט ער געזאָגט: „ניט אַנדערש, אַז דאָ איז אַ הויז פון גאָט און דאָס איז דער טויער פונעם הימל!"

יעקב האָט גענומען דעם שטיין, וועלכן ער האָט געלייגט צוקאָפּנס, און אים אַוועקגעשטעלט אויף יענעם אָרט אַלס אַ מאָנומענט (מַצֵּבָה), און ער האָט גערופן דעם אָרט „בֵּית־אֵל" (גאָט׳ס הויז).

רָחֵל

רָחֵל איז געווען די אינגסטע טאָכטער פון רִבְקָה׳ס ברודער, לָבָן. רחל איז געווען זייער אַ שיינע. ווען יעקב איז אָנגעקומען קיין חָרָן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ברונעם לעבן דער שטאָט און ער האָט גערעדט מיט די פּאַסטוכער. אין יענער צייט איז אויך אָנגעקומען רחל מיט אירע שאָף צום ברונעם.

יעקב און רחל האָבן זיך באַקענט, זיך צעקושט ווי אייגענע, און געוויינט פאַר פרייד. רחל איז באַלד געלאָפן אַהיים און אָנגעזאָגט איר פאָטער, לָבָנ׳ען, די בְּשׂוֹרָה, אַז זיין שוועסטער׳ס זון יעקב איז געקומען. לבן האָט יעקב׳ן אַריינגענומען צו זיך אין הויז אַריין, און יעקב האָט געאַרבעט ביי אים אַ חוֹדֶש צייט.

נאָך דעם ערשטן חודש האָט לבן געזאָגט צו יעקב'ן אַז ער פאַרלאַנגט ניט קיין אַרבעט אומזיסט. ער וויל אים באַצאָלן. האָט יעקב געזאָגט צו לבנ'ען, אַז ער איז גרייט צו אַרבעטן ביי אים גאַנצע זיבן יאָר, און ער זאָל אים נאָכער געבן זיין טאָכטער רחל פאַר אַ ווייב, ווייל ער האָט זי שטאַרק ליב.

לבן האָט דערצו איינגעשטימט.

לֵאָה

לֵאָה איז געווען לבנ'ס עלטסטע טאָכטער. לאה איז ניט געווען קיין שיינע. אירע אויגן זיינען געווען שלאָפע. לבן האָט געוואָלט פריער חֲתוּנָה מאַכן לאה'ן, און ער איז געפאַלן אויף אַ שווינדל.

נאָכדעם ווי יעקב האָט אָפּגעאַרבעט זיבן יאָר פאַר רחל'ען, האָט לבן געמאַכט אַ גרויסע חתונה. יעקב איז געווען זיכער, אַז דאָס גייט לבן אים געבן זיין געליבטע רחל פאַר אַ ווייב. אָבער לבן האָט אים אָפּגענאַרט און אים געגעבן לאה'ן אַנשטאָט רחל'ען.

אויפן צווייטן טאָג האָט יעקב געפרעגט לבנ'ען: „פאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט?" האָט לבן אים געענטפערט: „ביי אונדז מאַכט מען ניט חתונה די אינגערע טאָכטער פאַר דער עלטערער! אויב דו ווילסט, קאָנסטו ביי מיר אַרבעטן נאָך זיבן יאָר, און דו וועסט קריגן רחל'ען אויך!"

און יעקב האָט געמוזט אַרבעטן ביי לבנ'ען נאָך זיבן יאָר פאַר רחל'ען.

זִלְפָּה. בִּלְהָה

זִלְפָּה איז געווען די דינסט, וואָס לָבָן האָט געגעבן זיין טאָכטער לֵאָה'ן אַלס מתּנה צו איר חֲתוּנָה. בִּלְהָה איז געווען די דינסט, וואָס לבן האָט גע־געבן רחל'ען אַלס מתּנה צו איר חתונה.

אין יענע אַלטע צייטן פלעגן די פרויען שענקען זייערע שיינע דינסטן צום מאַן אַלס ווייבער. די קינדער, וואָס די דינסטן פלעגן געבוירן, האָבן זיך גערעכנט אויפן נאָמען פון זייערע האַרנטעס (באַלעבאָסטעס).

לאה און רחל האָבן אויך אַזוי געטאָן. זיי ביידע האָבן אַוועקגעשענקט זייערע צוויי דינסטן זילפּה און בילהה צו יעקב'ן. יעקב האָט מיט זיי חתונה געהאַט, און זיי האָבן אים געבאָרן קינדער.

רְאוּבֵן. שִׁמְעוֹן. לֵוִי. יְהוּדָה

לאה האָט געבאָרן דעם ערשטן זון, און זי האָט אים גערופן „רְאוּבֵן". אין העברייאיש מיינט עס: גאָט האָט געזען מיין פּיין! ווייל לאה האָט זיך געפּייניקט דערפון וואָס יעקב האָט געליבט רחל'ען בעסער.

לאה האָט געבאָרן אַ צווייטן זון, און זי האָט אים גערופן „שִׁמְעוֹן". אין העברייאיש מיינט עס: הערן! ווייל לאה האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט זי דער־הערט, ווי זי וויינט דערויף וואָס יעקב האָט זי ניט ליב.

לאה האָט געבאָרן אַ דריטן זון, און זי האָט אים גערופן „לֵוִי". אין העב־רייאיש מיינט עס: באַהעפטן! ווייל לאה האָט געזאָגט, אַז איצט וועט זיך יעקב שוין צובינדן (באַהעפטן) מער צו איר.

לאה האָט געבאָרן אַ פערטן זון, און זי האָט אים גערופן „יְהוּדָה". אין העברייאיש מיינט עס: לויבן! ווייל לאה האָט געזאָגט, אַז איצטיגס מאָל טוט זי לויבן גאָט פאַר די קינדער, וואָס ער גיט איר.

דָן. נַפְתָּלִי

רחל איז געווען אַן עֲקָרָה, זי האָט קיין קינדער ניט געבאָרן. רחל האָט זייער מְקַנֵא געווען איר שוועסטער לאה'ן אויף אירע קינדער, און זי האָט גע־וויינט פאַר יעקב'ן: „גיב מיר קינדער, אויב ניט—וועל איך שטאַרבן!" האָט יעקב איר געענטפערט: „בין איך דען אויפן אָרט פון גאָט?"

דאַן האָט רחל געשענקט איר דינסט בִּלהה צו יעקב'ן פאַר אַ ווייב. בִּלהה האָט געבאָרן אַ זון, און רחל האָט אים גערופן „דָן". אין העברייאיש מיינט עס: מִשְׁפָּט'ן! ווייל רחל האָט געזאָגט, אַז גאָט איז געווען איצט איר ריכטער.

בִּלהה האָט געבאָרן אַ צווייטן זון, און רחל האָט אים גערופן „נַפְתָּלִי". אין העברייאיש מיינט עס: ראַנגלען זיך! ווייל רחל האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך געראַנגלט מיט איר שוועסטער און האָט איר באַזיגט.

גָד. אָשֵׁר

לאה האָט געזען, אַז זי האָט אויפגעהערט צו געבוירן, האָט זי גענומען און אויך אַוועקגעשענקט איר דינסט זִלפּה צו יעקב'ן פאַר אַ ווייב. זִלפּה האָט געבאָרן אַ זון, און לאה האָט אים גערופן „גָד". אין העברייאיש מיינט עס: מַזָל! ווייל לאה האָט געזאָגט, אַז ס'איז צוריקגעקומען איר מַזָל.

זילפּה האָט ווידער געבאָרן אַ זון, און לאה האָט אים גערופן „אָשֵׁר". אין העברייאיש מיינט עס: גליק! ווייל לאה האָט געזאָגט, אַז אַלע פרויען וועלן זי איצט שעצן אַלס אַ גליקלעכע.

יִשָׂשׂכָר. זְבוּלוּן. דִינָה

לאה האָט ווידער אָנגעהויבן צו געבוירן קינדער. זי האָט געבאָרן אַ פינפטן זון, און זי האָט אים גערופן „יִשָׂשׂכָר". אין העברייאיש מיינט עס: פאַראַן אַ לוין! ווייל לאה האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט איר ווידער געגעבן איר לוין (שָׂכָר).

לאה האָט געבאָרן אַ זעקסטן זון, און זי האָט אים גערופן „זְבוּלוּן". אין העברייאיש מיינט עס: וואוינען! ווייל לאה האָט געזאָגט, אַז איצט, נאָך דעם וואָס זי האָט שוין געבאָרן יעקב'ן זעקס זין, וועט ער שוין בלייבן וואוינען מיט איר.

לאה האָט אויך געבאָרן אַ טאָכטער, און זי האָט זי גערופן „דִינָה".

יוֹסֵף

רחל איז געווען ביי זיך זייער געפאַלן. איר שוועסטער לאה האָט שוין געהאַט געבאָרן זיבן קינדער צו יעקב'ן, און זי איז נאָך אַלץ געווען אַן „עֲקָרָה" (קינדערלאָזע). האָט רחל געהאַלטן אין איין וויינען און בעטן צו גאָט.

גאָט האָט פאַרנומען רחל'ס געבעט און זי האָט אויך געבאָרן אַ זון, און זי האָט אים גערופן „יוֹסֵף". אין העברייאיש האָט דאָסדאָזיקע וואָרט צוויי מיינונגען: אָפּטאָן (צונעמען) און אויך: מערן (צוגעבן). ווייל רחל האָט געזאָגט: „איצט האָט גאָט אָפּגעטאָן פון מיר מיין שאַנד, און ער וועט מיר געבן נאָך מער קינדער!"

בִּנְיָמִין

רחל האָט געבאָרן אַ צווייטן זון, גייענדיק אויפן וועג קיין כְּנַעַן. רחל האָט געליטן זייער גרויסע שמערצן ביים געבוירן דאָס קינד. ווען די באָבע האָט איר אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ זון, האָט רחל געהאַלטן ביים שטאַרבן און זי האָט מער ניט געקאָנט אויסרעדן ווי נאָר די צוויי ווערטער: „בֶּן־אוֹנִי", דאָס מיינט אין העברייאיש: דער זון פון מיין קראַפט . . .

ווען רחל איז געשטאָרבן פון דער קינפּעט, האָט יעקב דעם זון אַ נאָמען

געגעבן „בִּנְיָמִין". אין העברייאיש מיינט עס: דער זון פון טעג—(דער זון וואָס איז געבאָרן אויף די עלטערע טעג).

יִשְׂרָאֵל

יעקב האָט אָפּגעדינט צוואַנציק יאָר ביי לבנ'ען. און אַז ער האָט שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן לבנ'ס פאַלשקייט און שווינדל, האָט ער גע־נומען זיינע ווייבער און קינדער און דינסטן און פי און איז פון לבנ'ען אַנט־לאָפן. יעקב האָט זיך געלאָזט גיין צוריק קיין כנען, צום לאַנד פון זיינע עלטערן.

אויפן וועג קיין כְּנַעַן האָט יַעֲקֹב געשיקט שְׁלִיחִים צו זיין ברודער עֵשָׂו צו זאָגן, אַז ער וויל זיך איבערבעטן מיט אים.

אין פעלד איז איינמאָל ביינאַכט געקומען אַ מַלְאָך פון גאָט און האָט זיך געראַנגלט מיט יעקב'ן ביזן פרימאָרגן. ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט דער מלאך געוואָלט אַוועק, אָבער יעקב האָט אים ניט אָפּגעלאָזן, סיידן ער וועט אים בענטשן. האָט דער מלאך געזאָגט צו אים: „פון איצט אָן זאָל דיין נאָמען זיין ניט יַעֲקֹב, נאָר יִ שְׂ רָ אֵ ל! אין העברייאיש מיינט עס: („שַׂר־אֵל") געראַנגלט מיט אַ מלאך פון גאָט!

פון דעמאָלט אָן רופט מען די אידן, יעקב'ס קינדער: „בְּ נֵ י יִ שְׂ רָ אֵ ל" (די קינדער פון ישראל). מ'רופט אויך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק מיט'ן נאָמען „י ש ר א ל"!

בַּעַל־הַחֲלוֹמוֹת

יוֹסֵף איז געווען דער ליבסטער זון ביי יעקב'ן, און דערפאַר האָבן זיינע ברידער אים מְקַנֵא געווען און געהאַסט. יוסף פלעגט אָפט זען חֲלוֹמוֹת וועגן דעם, ווי ער ווערט גרויס. איינמאָל האָט ער גע'חלומ'ט, אַז ער מיט זיינע ברידער שטייען אין פעלד און בינדן גאַרבן. איז זיין גאַרב געבליבן שטיין און די ברידער'ס גאַרבן האָבן אים אַרומגערינגלט און זיך געבוקט צו זיין גאַרב . . .

האָבן די ברידער אויסגעטייטשט דעם חָלוֹם, אַז יוסף טראַכט און האָפט צו ווערן אַ האַר איבער זיי.

דאָס צווייטע מאָל האָט יוסף גע'חלומ'ט, אַז די זון און די לְבָנָה און עלף שטערן בוקן זיך צו אים . . .

דעמאָלט האָט יעקב זיך שוין אויך געבייזערט אויף יוסף'ן דערפאַר

וואָס ער דערציילט אַזוינע חלומות. און די ברידער האָבן אים נאָך מער פיינט געהאַט. און זיי האָבן אים גערופן: „בַּעַל הַחֲלוֹמוֹת", דאָס מיינט אין העברייאיש: דער מענטש פון טרוימען.

פּוֹטִיפַר

איינמאָל זיינען יעקב'ס זין אַוועק מיט זייערע שאָף צו פּיטערן זיי אין דוֹתָן, ניט ווייט פון שְׁכֶם. האָט יעקב געשיקט יוסף'ן צו זען וואָס די ברידער טוען. ווען יוסף איז צוגעקומען צו זיינע ברידער, זיינען זיי אים באַפאַלן און געוואָלט אים טויטן. אָבער דער עלטסטער ברודער רְאוּבֵן האָט געראַטעוועט יוסף'ן פון זיינע ברידער'ס הענט.

די ברידער האָבן יוסף'ן אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב אין פעלד. און ווען עס איז פאַרבייגעפאָרן שפּעטער אַ קאַראַוואַן פון יִשְׁמְעאֵלִים־הענדלער (סוֹחֲרִים), האָבן די ברידער פאַרקויפט יוסף'ן צו די הענדלער פאַר צוואַנציק זילבערשטיק.

די סוחרים האָבן געבראַכט דעם שיינעם יוסף'ן קיין מצרים און האָבן אים דאָרטן פאַרקויפט צום קעניג'ס הויפּדינער, פּוֹטִיפַר, פאַר אַ קנעכט.

פּוֹטִיפַר האָט געזען, אַז יוסף איז אַן ערלעכער און פייאיקער מענטש, האָט ער אים באַשטימט פאַר דעם אויפזעער איבער זיין גאַנצן פאַרמעגן, איבער זיינע הייזער און איבער זיינע פעלדער.

בֵּית הַסֹּהַר

יוסף איז געווען זייער שיין. פּוֹטיפר'ס ווייב האָט זיך פאַרליבט אין יוסף'ן און זי האָט געפאָדערט פון אים, אַז ער זאָל זי נעמען פאַר אַ ווייב. יוסף, אַלס ערלעכער מענטש, האָט ניט געוואָלט פאַרראַטן זיין האַר.

איינמאָל, ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, איז פּוֹטיפר'ס ווייב צוגעשטאַנען צו יוסף'ן און אים געוואָלט נויטן, אַז ער זאָל אָננעמען איר פאָרשלאַג. יוסף איז דאַן אַנטלאָפן פונעם הויז, און פּוֹטיפר'ס ווייב האָט געמאַכט אויף אים אַ בילבול, אַז ער האָט איר געוואָלט שלעכטס טאָן. פּוֹטיפר האָט דאַן אַריינגעזעצט יוסף'ן אין געפענקעניש (בֵּית הַסֹּהַר).

יוסף האָט זיך אָבער אויך אין געפענקעניש אויסגעצייכנט, און דער אויפזעער האָט אים דאָרטן באַשטימט פאַר דעם עלטסטן איבער אַלע געפאַנגענע.

שַׂר הַמַשְׁקִים. שַׂר הָאוֹפִים

פַּרְעֹה, דער קעניג פון מִצְרַיִם, האָט אַריינגעזעצט צוויי פון זיינע הויפּ־לייט, דעם געטראַנק־מייסטער (שַׂר הַמַשְׁקִים) און דעם בעקער־מייסטער (שַׂר הָאוֹפִים), אין געפענקעניש. די צוויי מייסטערס האָבן זיך שטאַרק פאַר־זינדיקט פאַר׳ן קעניג.

אין געפענקעניש האָבןביידע מייסטער געזען חֲלוֹמוֹת, וועלכע קיינער האָט ניט געקענט באַשיידן, און זיי זיינען געווען שטאַרק באַזאָרגט.

איינמאָל האָט יוֹסף זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי קוקן אויס אַזוי שלעכט, און זיי האָבן אים דערציילט זייערע חלומות.

דער געטראַנק־מייסטער (שַׂר הַמַשְׁקִים) האָט גע׳חלומ׳ט, אַז ער זעט אַ ווײַנשטאָק מיט דריי צווייגן און מיט צייטיקע טרויבן, און ער האַלט פַּרְעֹה׳ס בעכער אין האַנט און דריקט־אויס אַהין דעם וויין פון די טרויבן . . .

האָט יוֹסף אים באַשיידט אַזוי: אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה אים צוריקרופן אין פּאַלאַץ אויף זיין שטעל.

דער בעקער־מייסטער (שַׂר הָאוֹפִים) האָט גע׳חלומ׳ט, אַז ער טראָגט דריי קערב אויף זיין קאָפּ, און אויפן אויבערשטן קאָרב ליגן געבעקסן און אַ פויגל פּיקט פון זיי . . .

האָט אים יוֹסף באַשיידט אַזוי: אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ און אים אויפהענגען אויף אַ בוים, און די פייגל וועלן פּיקן זיין פלייש.

און אַזוי איז געשען, ווי יוֹסף האָט פאָראויסגעזאָגט.

חֲלוֹם פַּרְעֹה

צוויי יאָר נאָכדעם ווי דער געטראַנק־מייסטער (שַׂר הַמַשְׁקִים) איז אַרויס פון געפענקעניש, האָט זיך פּרעה׳ן, דעם קעניג פון מִצְרַיִם, גע׳חלומ׳ט צוויי חלומות:

ער האָט געזען, ווי ער שטייט לעבן אַ טייך. פונעם טייך קומען אַרויס זיבן שיינע און פעטע קי און זיי פּיטערן זיך. נאָך זיי קומען באַלד אַרויס זיבן מיאוס׳ע און מאָגערע קי. און די זיבן מאָגערע קי האָבן אויפגעגעסן די זיבן פעטע קי . . .

נאָכדעם האָט ער געזען, אַז זיבן גוטע און פולע זאַנגען שפּראָצן אַרויס אויף איין שטענגל. נאָך זיי שפּראָצן אַרויס זיבן שלעכטע און דינע זאַנגען. און די זיבן דינע זאַנגען האָבן איינגעשלונגען די זיבן פעטע זאַנגען . . .

פּרעה איז געווען שטאַרק דערשראָקן. קיינער האָט זיינע חלומות ניט געקאָנט באַשיידן ריכטיק. דאַן האָט זיך דער שׂר המשקים דערמאָנט אָן יוסף'ן, און דערציילט דעם קעניג וועגן אים, ווי גוט ער באַשיידט חלומות.

פּרעה האָט געבראַכט יוסף'ן פון געפענקעניש און יוסף האָט באַשיידט פּרעה'ס חלום אַזוי: עס וועלן קומען זיבן זאַטע יאָר, און נאָך זיי — זיבן הונ־גער־יאָר. און דערום זאָל פּרעה באַשטימען אַ קלוגן מענטשן, און ער זאָל איינזאַמלען אַסך תּבוּאָה אין די זאַטע יאָרן, כּדי דאָס פאָלק זאָל ניט שטאַרבן פון הונגער שפּעטער.

דער באַשייד איז פּרעה'ן שטאַרק געפעלן, און ער האָט באַלד גע־מאַכט יוסף'ן פאַר זיין וויצע־קעניג. יוסף איז געוואָרן זייער דערהויבן. דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד האָט זיך פאַר אים געבוקט, פּונקט ווי פאַרן קעניג.

מְנַשֶׁה. אֶפְרַיִם

יוסף האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונעם גרעסטן פּריסטער. זיין ווייב'ס נאָמען איז געווען אָסְנַת. און אָסְנַת האָט געבאָרן יוסף'ן צוויי זין.

דעם ערשטן זון האָט יוסף גערופן „מְנַשֶּׁה". אין העברייאיש מיינט עס: מאַכן פאַרגעסן! ווייל יוסף האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט אים געמאַכט פאַר־געסן זיין גאַנצע מאַטערניש . . .

דעם צווייטן זון האָט יוסף גערופן „אֶפְרַיִם". אין העברייאיש מיינט עס: פרוכפּערן! ווייל ער האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט אים געמאַכט פרוכטבאַר אין דעם לאַנד פון זיין פּיין . . .

מנשה און אפרים זיינען שפּעטער אויך גערעכנט געוואָרן צווישן די **צוועלף אידישע שְׁבָטִים:**

1. רְאוּבֵן	7. נַפְתָּלִי
2. שִׁמְעוֹן	8. גָּד
3. יְהוּדָה	9. אָשֵׁר
4. יִשָּׂשכָר	10. בִּנְיָמִין
5. זְבוּלוּן	11. מְנַשֶּׁה
6. דָּן	12. אֶפְרַיִם

(דער שֵׁבֶט לֵוִי איז ניט געציילט געוואָרן, ווייל די לְוִיִם זיינען געווען גאָט'ס הייליקע באַדינער).

גוֹשֶׁן

אין די הונגער־יאָרן זיינען יעקב'ס זין געקומען קיין מִצְרַיִם קויפן תְּבוּאָה. דאָרטן האָט זיי יוסף דערקענט. אָבער זיי אים — האָבן ניט דערקענט. יוסף האָט געפּרואווט זאָגן אויף זיי, אַז זיי זיינען „מְרַגְּלִים" (שפּיאָנען). ער האָט זיי אויסגעפרעגט וועגן זייער מִשְׁפָּחָה, און די ברידער האָבן אים דערציילט, אַז זיי האָבן אַן אַלטן פאָטער און נאָך אַ קליין ברודערל אין דערהיים. יוסף האָט זייער געבענקט נאָך זיין ברודער בנימין און ער האָט אים געוואָלט זען.

יוסף האָט אַרעסטירט איין ברודער, און די איבעריקע האָט ער אָפּגעלאָזט אַהיים און באַפוילן צו ברענגען צו אים זייער קליינעם ברודער בנימין, ווען זיי וועלן קומען נאָכאַמאָל קויפן תבואה.

די ברידער האָבן זיך זייער געשראָקן. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אויף העברייאיש, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר דער זינד וואָס זיי האָבן פאַרקויפט זייער ברודער יוסף'ן . . . זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז יוסף הערט און פאַרשטייט אַלץ וואָס זיי רעדן . . .

די ברידער האָבן געמוזט ברענגען בנימינ'ען קיין מצרים. יוסף האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט זיין ברודער, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און איז אַוועק אין אַ צווייטן צימער זיך אויסוויינען.

שפּעטער האָט זיך יוסף געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער. ער האָט זיי געשיקט אַהיים צו ברענגען דעם פאָטער מיט זיין גאַנצער משפּחה קיין מצרים. יעקב און זיינע זין האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד גוֹשֶׁן.

בְּאַחֲרִית הַיָּמִים

יעקב האָט געלעבט גליקלעך אין לאַנד מצרים זיבעצן יאָר. ווען ער האָט געפילט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבן, האָט ער צונויפגערופן אַלע זיינע זין און זיי געזאָגט: „זאַמלט זיך איין, וועל איך אייך זאָגן וואָס מיט יעדן פון אייך וועט טרעפן „בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" (אין סוף פון די טעג) — שפּעטער מיט יאָרן.

נאָכדעם ווי יעקב איז געשטאָרבן, האָבן די זין געטראָגן זיין קערפּער צוריק קיין כְּנַעַן און אים באַגראָבן אין דער „מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה", וואָס אַבְרָהָם האָט אַמאָל אָפּגעקויפט פון די בְּנֵי־חֵת, אין חֶבְרוֹן.

עס ווערט דערציילט, אַז אין דער „מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה" ליגן באַגראָבן

אַלע „אָבות": אַבְרָהָם און שָׂרָה, יִצְחָק און רִבְקָה, און יַעֲקֹב און לֵאָה. (די מוטער רָחֵל איז באַגראָבן געוואָרן אויפן וועג, אין פעלד, ניט ווייט פון בֵּית־לֶחֶם.)

פִּיתוֹם וְרַעַמְסֵס

נאָכדעם ווי יוֹסֵף און זיינע ברידער זיינען אויסגעשטאָרבן, האָבן זיך די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל (די אידן) געמערט און אָנגעפילט דאָס לאַנד.

דאַן איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג, וועלכער האָט יוֹסֵף'ן ניט געקענט, און ער האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף זען אַ מיטל ווי אַזוי צו מאַכן די אידן ווייניקער און שוואַכער. דער קעניג פַּרְעֹה האָט מוֹרא געהאַט פאַר די אידן און האָט זיי געהאַסט.

פּרעה האָט געמאַכט די אידן פאַר שקלאַפן אין מִצְרַיִם. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיי שווערע אַרבעט, כְּדֵי צו פּייניקן זיי. און די אידישע שקלאַפן האָבן אויסגעבויט פאַר פּרעה'ן צוויי שטעט, פִּיתוֹם און רַעַמְסֵס.

משֶׁה

וואָס מער פּרעה האָט געפּייניקט די אידן אין מצרים, אַלץ שטאַרקער און אַלץ מער זיינען זיי געוואָרן. האָט פּרעה געמאַכט די אַרבעט נאָך שווערער פאַר די אידן. ער האָט פאַרביטערט זייער לעבן מיט אומגעמענטשלעכער אַכְזָרִיוּת, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל יעדן ניי־געבוירן אינגל אַריינוואַרפן אין וואַסער.

אין יענער צייט איז ביי עַמְרָם און יוֹכֶבֶד פון שֵׁבֶט לֵוִי געבאָרן געוואָרן אַ אינגל. די מוטער האָט דאָס קינד אויסבאַהאַלטן דריי מאָנאַטן. און ווען זי האָט שוין דאָס לענגער ניט געקאָנט טאָן, האָט זי דאָס קינד אַריינגעלייגט אין אַ קעסטל, און דאָס קעסטל האָט זי אַוועקגעלייגט ביים ברעג פון טייך.

פּרעה'ס טאָכטער איז איינמאָל געגאַנגען צום טייך זיך באָדן, האָט זי געפונען דאָס קעסטל און האָט דערזען דאָרטן אַ וויינענדיק קינד. דעם קעניג'ס טאָכטער האָט רַחֲמָנוּת געהאַט אויפן קינד, און האָט עס גענומען צו זיך אַהיים צו דערציען עס. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ אידיש קינד און זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן „משֶׁה". אין העברייאיש מיינט עס: אַרויסציען. ווייל זי האָט געזאָגט: כ'האָב אים פון וואַסער אַרויסגעצויגן . . .

צִפּוֹרָה

ווען משה איז אויסגעוואַקסן און ער איז געוואָר געוואָרן אַז ער איז אַ איד, האָט אים שטאַרק וויי געטאָן וואָס זיינע ברידער ווערן אַזוי געפּייניקט אין מצרים. ער האָט זיי געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

איינמאָל האָט ער דערזען ווי אַ מִצְרִי שלאָגט אַ אידן, האָט ער געטויט דעם מִצְרִי און האָט אים באַהאַלטן אין זאַמד . . .

פּרעה איז געוואָר געוואָרן דערפון און האָט געוואָלט טויטן משה'ן דער־פאַר. דאַן איז משה אַנטלאָפן אין לאַנד מִדְיָן. משה האָט געאַרבעט ביים פּריסטער פון מִדְיָן, וועלכער האָט געהייסן יִתְרוֹ.

יִתְרוֹ האָט געגעבן משה'ן זיין טאָכטער צִפּוֹרָה פאַר אַ ווייב.

גֵּרְשֹׁם

צִפּוֹרָה האָט געבאָרן משה'ן אַ זון, און משה האָט אים גערופן „גֵּרְשֹׁם". אין העברייאיש מיינט עס: אַ פרעמדער דאָרטן! ווייל משה האָט געזאָגט: אַ פרעמדער בין איך דאָרטן געווען, און גאָט האָט מיר געהאָלפן.

סְנֶה

משה האָט אין מִדְיָן זיך פאַרנומען מיט פיטערן שאָף.

איינמאָל, ווען ער האָט אַוועקגעפירט זיינע שאָף צום באַרג חוֹרֵב, האָט זיך אַ מַלְאָך פון גאָט באַוויזן צו אים אין אַ פלאַם־פייער פון צווישן אַ דאָרן בוים (סְנֶה).

משה האָט געזען, אַז דער „סְנֶה" (דאָרן־בוים) ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צו זען וואָס דאָרטן קומט פאָר.

האָט גאָט אויסגערופן פון צווישן „סְנֶה": „משֶׁה! משֶׁה! וואַרף אַראָפּ דיינע שיך פון דיינע פיס, וואָרים דאָס אָרט, וואו דו שטייסט, איז הייליקע ערד!"

אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה

„גאָט האָט גערופן צו משה'ן און אים געמאַכט פאַר אַ שָׁלִיחַ, ער זאָל גיין צו פַּרְעֹה'ן קיין מִצְרַיִם און אַרויסנעמען די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל פון דאָרטן. גאָט האָט

געזאָגט: „דאָס געשריי פון די פּאַרפּייניקטע אידן האָט דערגרייכט צום הימל, און איך וועל זיי באַפרייען פון זייער שקלאַפעריי, און זיי ברענגען אין דעם לאַנד כְּנַעַן, וואָס איך האָב פאַרשפּראָכן צו אברהמ'ען, יצחק'ן און יעקב'ן!"

האָט משה געזאָגט: „ווער בין איך, אַז איך זאָל זיין גאָט'ס שָׁלִיחַ?" האָט גאָט געענטפערט: „גיי, איך וועל זיין מיט דיר!"

האָט משה ווידער געפרעגט: „אַז די אידן וועלן מיך פרעגן וואָס איז גאָט'ס נאָמען? וואָס זאָל איך זיי זאָגן?"

האָט אים גאָט געענטפערט: „זאָלסט זיי זאָגן, אַז מיין נאָמען איז „אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה!" (דאָס מיינט אין העברייאיש: איך בין געווען אייביק, און איך וועל זיין אויף אייביק!)

אַהֲרֹן

אַהֲרֹן איז געווען משה'ס עלטערער ברודער. גאָט האָט געזאָגט משה'ן, אַז אַהרֹן זאָל גיין מיט אים צו פּרעה'ן און ער זאָל רעדן פאַר אים (משה איז געווען אַ שטאַמלער). און אַהרֹן איז געוואָרן משה'ס געהילף אין אַלע זיינע שליחות'ן צו פּרעה'ן און צום אידישן פאָלק.

שפּעטער, ווען די אידן זיינען שוין אַרויס פון מצרים און זיי האָבן אויס־געבויט אַ „מִשְׁכָּן", אַ הייליק געצעלט פאַר גאָט, איז אהרן באַשטימט געוואָרן פאַר דעם „כֹּהֵן גָּדוֹל", דער העכסטער אידישער פּריסטער.

אותות ומוֹפְתִים

משה איז געגאַנגען צו פּרעה'ן קיין מצרים און האָט אים געזאָגט, אין נאָמען פון אידישן גאָט, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די אידן פון זיין לאַנד. פּרעה האָט אָבער ניט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט פון אַזאַ גאָט, און ער וועט אים ניט פאָלגן.

דאַן האָט גאָט געגעבן צייכנס (אותות) און באַוויזן וואונדער (מוֹפְתִים) דורך משֶׁה און אַהֲרֹן. אָבער פַּרְעֹה איז אַלץ געווען איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט פאָלגן גאָט צו לאָזן די אידן פריי.

גאָט האָט אומיסטן האַרט געמאַכט פּרעה'ס האַרץ, כּדי ער זאָל אים באַשטראָפן דערפאַר וואָס ער האָט די אידן געפּייניקט אַזויפיל יאָרן. און גאָט האָט געשלאָגן פּרעה'ן מיט צען פּלאָגן (עֶשֶׂר מַכּוֹת). ערשט דאַן האָט פּרעה באַפרייט דאָס אידישע פאָלק.

עֶשֶׂר מַכּוֹת

מיט צען מַכּוֹת (פּלאָגן) האָט גאָט געשלאָגן פַּרְעֹה'ן און זיין לאַנד, כְּדֵי ער זאָל אַרויסלאָזן די פאַרשקלאַפטע אידן פון מִצְרַיִם.

די ערשטע מַכּה: דָם!

אַלע וואַסערן אין די טייכן און אומעטום זיינען געוואָרן בלוט, און עס איז ניט געווען קיין וואַסער צום טרינקען אין גאַנצן לאַנד.

די צווייטע מַכּה: צְפַרְדֵעַ!

פון די טייכן זיינען אַרויסגעקומען פרעש (זשאַבעס), און זיי האָבן אָנגעפילט די הייזער, און זיינען אַריין אין די בעטן און אין די מולטערס טייג און אין אַלע עסנוואַרג.

די דריטע מַכּה: כִּנִּים!

דער גאַנצער שטויב פון דער ערד איז געוואָרן לייז, און די לייז האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, אויף די מענטשן און אויף די בְּהֵמוֹת.

די פערטע מַכּה: עָרוֹב!

עס איז אָנגעפאַלן אויפן לאַנד אַ געמיש פון גיפטיקע פליגן, וועלכע האָבן אָנגעפילט די הייזער און זיי האָבן פאַרגיפטעט מענטשן און בהמות.

די פינפטע מַכּה: דֶבֶר!

אַ שווערע מאָרד (עפּידעמיק) אויף פערד, אייזלען, קעמלען, רינדער און שאָף. אַלע בהמות זיינען געפאַלן ביי די מִצְרִיִם אין גאַנצן לאַנד.

די זעקסטע מַכּה: שְׁחִין!

אַ שווערער אויסשלאָג פון גרינדלעך און בלאָטערן אויף אַלע מענטשן און אויף אַלע בְּהֵמוֹת אין מִצְרַיִם.

די זיבעטע מַכּה: בָּרָד!

אַ שווערער האָגל איז אויסגעפאַלן מיט אַזאַ שטאַרקייט, און מיט אַ געמיש פון פייער, אַז ער האָט געטויט מענטשן און בהמות, און צעבראָכן ביימער און פאַרניכטעט אַלע געוויקסן אין פעלד.

די אַכטע מַכּה: אַרְבֶּה!

אַ ווינט האָט אָנגעטראָגן אַ היישעריק, וועלכער האָט פאַרדעקט דאָס גאַנצע לאַנד, און ער האָט אויפגעפרעסן אַלע גראָזן און פרוכטן, וואָס דער האָגל האָט איבערגעלאָזן.

די ניינטע מַכּה: חושֶׁך!

עס איז געוואָרן אַ שטאָק־פינצטערניש אין גאַנצן לאַנד מִצְרַיִם אויף דריי טעג, אַז איינער דעם אַנדערן האָט ניט געזען, און עס זיינען געשען אַסך אומגליקן ביי די מִצְרִיִם.

די צענטע מַכּה: בְּכורות!

עס זיינען געפאַלן אַלע ערשט־געבאָרענע (בּכוֹרים) צווישן מענטשן און צווישן די בהמות. און עס איז אין יענער נאַכט ניט געווען איין מִצְרִיש הויז, וואו עס זאָל ניט געוועזן זיין קיין מֵת.

און ערשט דעמאָלט האָט פַּרְעֹה אַרויסגעלאָזט די אידן פון לאַנד מִצְרַיִם.

יַם־סוף

פּרעה האָט באַלד חֲרָטָה געהאַט, וואָס ער האָט די אידן אַרויסגעלאָזט פריי. ער האָט גענומען אַ גרויסע אַרמיי און איז די אידן נאָכגעלאָפן. ער האָט זיי דערגרייכט ביים יַם־סוף (רויטער יַם). ווען די אידן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען צו משה'ן: „צו וואָס האָסטו אונדז געבראַכט אַהער צו שטאַרבן אין דער מִדְבָּר? זיינען דען קיין קְבָרִים ניטאָ אין מצרים?" האָט משה געזאָגט: „גאָט וועט פאַר אייך מִלְחָמָה האַלטן, און איר שווייגט שטיל!"

גאָט האָט געמאַכט צעטיילן די וואַסערן פון ים אויף צווייען, און די אידן זיינען אַריבערגעגאַנגען אין דער טריקעניש. פּרעה האָט געזען, אַז דער ים האָט זיך געשפּאָלטן, איז ער אויך אַריין מיט זיין אַרמיי אַהין נאָכצויאָגן די אידן. אָבער באַלד האָבן זיך די וואַסערן פון ים צוריק אומגעקערט און פּרעה מיט זיינע רייטוועגן זיינען צוגעדעקט געוואָרן און געזונקען אין ים.

דעמאָלט האָט משה און אַלע אידן געזונגען אַ לויב צו גאָט פאַר זיין הילף (זע: „אָז יָשִׁיר").

עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת

דער צענטער טאָג פון חוֹדֶש טֵבֵת איז אַ תַּעֲנִית־טאָג, וועלכן מ׳רופט „עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת״, דער פאַסט־טאָג פון צענטן טאָג אין טֵבֵת.

אין אָט דעם טאָג האָט נְבוּכַדְנֶצַּר, דער קעניג פון בָּבֶל, באַלאַגערט די שטאָט יְרוּשָׁלַיִם, און קיינער האָט ניט געקאָנט אַרויס פון שטאָט און ניט אַריינגיין אין שטאָט.

דאָס איז געשען אין יאָר 586 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

די שפּייז אין שטאָט איז אויסגעגאַנגען און עס איז געוואָרן אַ גרויסער הונגער. דער הונגער האָט געבראַכט אַ גרויסע מַגֵּפָה (עפּידעמיע) און טויזנטער מענטשן זיינען געפאַלן טויט אין די גאַסן.

פון דאַן אָן איז דערדאָזיקער טאָג פאַרבליבן אַ טרויער־טאָג ביי אידן, און מ׳פאַסט און מ׳זאָגט סְלִיחוֹת אין אַלע שולן.

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט

(פון די קינדערשע יאָרן)

I

—מאָרגן, קינדער, איז חֲמִשָּׁה־עָשָׂר! ברענגט פֵּירוֹת אין חֶדֶר אַריין! אָט אַזוי האָט דער רֶבִּי צו אונדז אַ זאָג געטאָן אין אַ ווינטער־אָוונט, נאָכן לערנען, איידער ער האָט אונדז געלאָזט פריי.

מיר, די זיבן־אַכט יעריקע חוּמָש־בָּחוּרִים, האָבן גוט געוואוסט אַלע אידישע חֳדָשִׁים און אַלע יָמִים־טוֹבִים. און אַז מיר האָבן דערהערט „חמשה־עשר״, האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דאָס מיינט „פופצן טאָג אין חודש שבט״, דער פריילעכער טאָג, ווען מע עסט פּירות.

פריילעכע זיינען מיר אַוועק אַהיים, זינגענדיק אַ ניי לידל איבערן וועג:

אידישע קינדער, אָט־אָט־אָט
מאָרגן איז חֲמִשָּׁה־עָשָׂר בִּשְׁבָט.
אָט דעם טאָג ניט פאַרגעסן,
זיסע פּירות וועלן מיר עסן! . . .

אויף מאָרגן האָבן אַלע קינדער געבראַכט אין חדר אַריין פולע קעשענעס מיט אַלדאָס־גוטס: פייגן, טייטלען, ראָזשינקעס, מאַנדלען, און — דער עיקר — באָקסערן!

דער רבי האָט צונויפגענומען אונדזערע פרוכטן, זיי אויסגעסאָרטירט אויף פאַפּירן יעדע פרוכט באַזונדער, זיי אויסגעציילט אַקוראַט וויפיל עס קומט אויס אויף יעדן פון אונדז, און האָט זיי איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך.

מיר אַלע זיצן אַרום לאַנגן טיש אומגעדולדיק, שלינגען די סלינע און עסן די פּירות מיט די אויגעלעך.

און אָט וואַשט זיך דער רבי די הענט, זעצט זיך אַוועק אויף זיין בענקל, ער נעמט שטעלן פראַגן און מיר ענטפערן פריילעך:

— וואָס איז היינט, קינדער?
— חֲמִשָּׁה־עָשָׂר בִּשְׁבָט!
— וואָס הייסט „חמשה־עשׂר בשבט"?
— דער פופצנטער טאָג אין חודש שבט!
— וואָס איז דאָס פאַר אַ טאָג?
— ראֹש־הַשָּׁנָה ביי דיביימער אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל!
— פאַרוואָס היינט?
— היינט איז זייער פרילינג דאָרטן!
— וואָס טוען מיר דאָ היינט?
— מיר עסן ארץ־ישׂראל פֵּירות!
— וואָס ווינשעוועט מען זיך?
— מיר זאָלן אַלע גיין קיין ארץ־ישׂראל! . . .

באַלד האָט דער רבי אַ צופרידענער אויפגעדעקט די פרוכטן, איינגעטיילט אונדז די חֲלָקִים פון יעדן סאָרט באַזונדער, און מיר האָבן יעדע פְּרִי אויפגענומען מיט אַ „הֵידָד" (הורריי): „פייגן, הידד! טייטלען, הידד! ראָזשינקעס, הידד! מאַנדלען, הידד!" און אַז סע איז געקומען צו די באָקסערן, האָבן מיר זיי געגעבן גאָר־גאָר אַ גרויסן קַבָּלַת־פָּנִים: „באָקסערן, הידד! הידד! הידד! . . ."

II

דער באָקסער ברענגט טאַקע דעם אֶמֶת'ן גרוס פון ארץ־ישׂראל! דער באָקסער איז פול מיט האָניק, און אַז מע בייסט אַריין אין אים די ציין, איז אַ מְחַיֶּה!

באַלד אָבער זיינען מיר אַלע געוואָרן בְּרוֹגֶז. יעדן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געבראַכט אַ גרעסערן שטיק באָקסער, ווי דער וואָס דער רבי האָט אים איצט געגעבן. טרערן האָבן זיך ביי אונדז אַלע געשטעלט אין די אויגעלעך.

דער רבי האָט דאָס דערזען. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען אַלץ און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

—כ'וועל אייך דערציילן אַ מַעֲשֶׂה'לע מיט באָקסערן, קינדער!

קוים אַ מעשׂה'לע—זיינען מיר באַלד נייגעריק געוואָרן און אויפגעשטעלט די אויערן.

און דער רבי האָט דערציילט:

—געווען אַמאָל אין ארץ־ישׂראל אַ וואונדער־מענטש, חוֹנִי הַמַּעֲגָל. איז ער אַמאָל געגאַנגען אין פעלד און געזען ווי אַ מאַן פלאַנצט אַ באָקסער־בוים. פרעגט אים חוני: „וויפיל יאָרן געדויערט ביז אַ באָקסער־בוים גיט פרוכט?" ענטפערט דער מאַן: „סע געדויערט זיבעציק יאָר!..." פרעגט אים חוני: „נו, דענקסטו, אַז דו וועסט נאָך דערלעבן צו עסן די פרוכט פון אָט דעם בוים?" ענטפערט דער מאַן: „איך עס דאָך היינט פון די באָקסער־בוימער וואָס מיינע עלטערן האָבן מיט יאָרן צוריק געפלאַנצט פאַר מ י ר; פלאַנץ איך איצטער באָקסער־בוימער, כְּדֵי מיינע קינדער זאָלן פון זיי עסן מיט יאָרן שפּעטער!..."

דערווייל איז חוֹנִי הַמַּעֲגָל שלעפעריק געוואָרן און ער האָט זיך אַוועקגעלייגט דאָרטן אין אַ הייל. און אַזוי איז ער אָפּגעשלאָפן זיבעציק יאָר. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זעט ער ווי איינער שטייט לעבן בוים און רייסט באָקסערן. פרעגט אים חוני: „ביסטו דאָס דער, וואָס האָט געפלאַנצט דעם בוים!" ענטפערט דער מאַן: „אָ, ניין, מיין זיידע האָט נאָך געפלאַנצט אָט דעם בוים און אָנגעגרייט פאַר מיר באָקסערן!..."

און דער רבי האָט פאַרענדיקט:

—פאַרשטייט איר שוין קינדער? אַ מענטש דאַרף זאָרגן ניט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַ נ ד ע ר ע; אַנדערש קאָנען מענטשן ניט לעבן אינאיינעם!... און אַצינד מאַכט אַ בְּרָכָה—עסט און געדענקט!...

און איך געדענק נאָך טאָקע יענעם חֲמִשָּׁה־עָשָׂר עַד הַיּוֹם.

אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל פרוכט

(לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה־עָשָׂר)

I

ביי שְׁמוּאֵל מְלַמֵד אין חֶדר האָבן געלערנט נאָר אָרימע קינדער. אַז אַ פּאָטער איז אַריינגעקומען צו געבן אים זיין קינד לערנען, פלעגט שמואל פרעגן:

–ביסט אַן אָרימאַן אָדער אַ רייכער?

און אויב דער פּאָטער האָט געענטפערט:

–איך בין אַ רייכער!

האָט שמואל צו אים געזאָגט:

–אויב אַזוי קאָן איך דאָס קינד ניט אַריינעמען צו מיר! ביי מיר לערנען נאָר אָרימע קינדער!...

שמואל האָט ליב געהאַט זיינע אָרימע תַּלְמִידִים, און די תַּלְמִידִים האָבן שמואל'ן אויך ליב געהאַט. וואו ער איז געשטאַנען און וואו ער איז געגאַנגען, פלעגן אים זיינע תלמידים נאָכגיין און קלעפּן צו אים.

טאָג־ביי־טאָג פלעגן שמואל'ס תלמידים אויפשטיין גאַנצפרי, כְּדֵי צו לויפן אין חדר אַריין לערנען. יעדער תַּלְמִיד האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ער וועט זיין דער ערשטער צו זאָגן דעם רבי'ן „גוט מאָרגן". אָבער שטענדיק זיינען אַלע תלמידים געקומען אין איין צייט, גלייך ווי זיי וואָלטן אַלע געהאַט איין גוף און איין נְשָׁמָה, און אַלע האָבן מיטאַמאָל אויסגעשריען:

–גוט מאָרגן, רבי!

–גוט מאָרגן, גוט יאָר אייך, קינדערלעך מיינע!–פלעגט דער רבי שמואל זיי ענטפערן מיט ליבשאַפט. און מיט פרייד האָבן זיך אַלע געזעצט צום לערנען.

II

איינמאָל–דאָס איז געווען חמשה־עשר בשבט–האָט זיך מיט אַלע תלמידים געטראָפן די זעלבע זאַך: זיי האָבן אַלע פאַרשפּעטיקט אין חדר אַריין.

די קינדער האָבן געוואוסט, אַז היינט איז חמשה־עשר, און מע דאַרף ברענגען אין חדר אַריין ארץ־ישראל פירות: טייטלען, פייגן, מילגרוימען, באָקסערן און אַנדערע פרוכט. אָבער דידאָזיקע פירות קאָסטן זייער טייער.

צו קויפן דאַרף מען האָבן געלט. און אָרימע קינדער האָבן ניט קיין געלט. טאַטע־מאַמע זיינען צופרידן, אַז זיי האָבן גענוג צו קויפן ברויט פאַר די קינדער. פון קיין פּירות טראַכטן זיי אפילו ניט . . .

—מע וועט שוין היינט מוזן אויסקומען אָן פּירות !—האָט איין תּלמיד ביי זיך באַשלאָסן—אָבער ווי אַזוי קומט מען אין חדר אַריין מיט גאָרניט, ווען אַנדערע קינדער ברענגען פּירות ? וועל איך דערפאַר קומען אין חדר אַריין שפּעט, ווען אַלע וועלן שוין האָבן אויפגעגעסן זייערע פּירות . . .

אַזוי האָט געטראַכט יעדער תּלמיד פון רבי שמואל׳ס אָרימע תּלמידים, און אַלע האָבן דערפאַר פאַרשפּעטיקט. זיינען זיי ווידער געקומען אַלע אין איין צייט אין חדר אַריין.

—דו האָסט געבראַכט עפּעס פּרוכט ?—פרעגט איינער.

—ניין, ניט געבראַכט גאָרניט ! ניטאָ קיין געלט ! מיין טאַטע איז אַן אָרימאַן !—ענטפערט אַ צווייטער.

—איך האָב אויך גאָרניט געבראַכט ! מיין מאַמע האָט געוויינט, אַז זי האָט אפילו ניט צו קויפן אויף איבערבייסן !—מאַכט אַ דריטער.

—מיין מאַמע האָט אויך געוואָלט וויינען, נאָר אָנשטאָט וויינען האָט זי אויף מיר אָנגעשריען, און איך בין שוין אַנטלאָפן !—מאַכט אַ פערטער.

און אַזוי האָבן אַלע תּלמידים דערציילט, אַז קיינער פון זיי האָט קיין פּירות ניט געבראַכט.

—וואָסזשע וועלן מיר טאָן ?

—הערט, קינדער !—האָט געזאָגט דאָס גרעסטע אינגל—לאָמיר זיך דערציילן שיינע מַעשׂות וועגן חמשה־עשׂר און וועגן ארץ־ישׂראל פּרוכט !...

III

ווען רבי שמואל האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע תּלמידים :

—קינדערלעך מיינע, ווען איך זאָל האָבן געלט, וואָלט איך געקויפט פאַר אייך פּירות היינט, נאָר אַזוי ווי איך בין אויך אַן אָרימאַן און קיין געלט האָב איך ניט, וועל איך אייך דערציילן אַ שיינע מעשׂה.

רבי שמואל האָט זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן, און אַלע תּלמידים אַרום אים, און ער האָט דערציילט :

געווען ביי אונדז אין שטעטל אַמאָל אַן אַלטער איד רֶב שְׁלֹמֹה. רב שלמה איז אַמאָל געווען אין ארץ־ישׂראל, און ער האָט פון דאָרטן געבראַכט

אַ זעקעלע מ׳ט „ארץ־ישׂראל־ערד״, כּדי אַז ווען ער וועט שטאַרבן זאָל מען די ארץ־ישׂראל־ערד אַרויפֿלייגן אויף זיינע אויגן און האַרץ.

רבֿ שלמה האָט געהאַט אַ בֶּן־יָחִיד, ישׂראל. ישׂראל האָט געהאַט אַ טייערן אוֹצָר. דאָס איז געווען אַ בײַנדל (קערל) פֿון אַ טייטל, וואָס זיין פֿאָטער האָט געבראַכט פֿון ארץ־ישׂראל.

האָט איינמאָל דער קליינער ישׂראל פֿאַרטראַכט אַ גוטן פּלאַן: ער וועט נעמען אַביסל ארץ־ישׂראל־ערד פֿון זיין טאַטנ׳ס זעקל, וועט עס אַריינ־טאָן אין אַ בלומענטאָפּ, און דאָרטן פֿאַרפֿלאַנצן דאָס קערל, וועט מיט דער צייט אַרויסוואַקסן אַ טייטל־בוים מיט טייטלען, און ער וועט האָבן אייגענע טייטלען, אֶמֶת׳ע ארץ־ישׂראל טייטלען, פֿאַר יעדן חמשה־עשׂר! . . .

געטראַכט — און געטאָן. ער האָט דאָס קערל פֿאַרפֿלאַנצט. אַלע טאָג פֿלעגט ער באַגיסן די ערד אין בלומענטאָפּ און קוקן צי עס שפּראָצט שוין עפּעס פֿון דאָרטן אַרויס.

צו זיין גרויסן גליק האָט ישׂראל דערזען אין אַ שטיקל צייט אַרום, אַז אַ גרעזעלע הייבט אָן אַרויסצושפּראָצן. און ער האָט זיך שטאַרק געפֿרייט, און געהאַלטן די זאַך בְּסוֹד.

אָבער זיין פֿרייד האָט לאַנג ניט געדויערט. דאָס גרעזעלע האָט אײַנ־גיכן אָנגעהויבן צו וועלקן . . .

IV

טעג און וואָכן זיינען אַזוי אַוועק. ישׂראל׳יק האָט זיך שטאַרק געשראָקן, אַז דאָס גרעזעלע זאָל אינגאַנצן ניט פֿאַרדאַרט ווערן אין בלומענטאָפּ. דער־ווייל איז אָנגעקומען „חֲנוּכָּה״. רבֿ שלמה, זיין פֿאָטער, האָט אַוועקגעשטעלט דאָס חנוכּה־לעמפּל אויפֿן פֿענצטער, אויף וועלכן דער בלומענטאָפּ איז געשטאַנען.

יעדע נאַכט האָט רבֿ שלמה געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך. פֿון דער וואַרימקייט פֿון די ליכטלעך האָט דאָס וועלקענדע גרעזעלע אין בלומענטאָפּ ווידער אויפֿגעלעבט, און גענומען וואַקסן און אַרויסגעבן בלעטעלעך.

די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה איז דאָס גרעזעלע „לעבעדיק״ געוואָרן. די צווייטע נאַכט—אַביסעלע גרעסער געוואָרן. די דריטע נאַכט—נאָך גרעסער. די פֿערטע נאַכט — אַרויסגעשפּראָצט צוויי שיינע בלעטעלעך. די פֿינפֿטע נאַכט — אַ נײַ פּאָרל בלעטעלעך. די זעקסטע נאַכט האָט זיך שוין באַוויזן עפּעס אַ צווייגעלע. די זיבעטע נאַכט איז דאָס צווייגעלע גרעסער געוואָרן. און די אַכטע נאַכט האָט דאָס צווייגעלע אָנגעהויבן צו בליען.

ישׂראל׳יק האָט זיך געפרייט. ס׳האָט אים נאָר פאַרדראָסן, פאַרוואָס חנוכּה האָט מער ניט ווי אַכט טעג מיט אַכט ליכטלעך . . .

דעם סוף ווילט איר וויסן? אָט וועל איך אייך דערציילן:

קיין טייטל־בוים איז טאַקע פונעם בלומענטאָפּ ניט אויסגעוואַקסן. דערפאַר אָבער איז דער קליינער ישׂראל׳יק אויסגעוואַקסן אַ גרויסער איד, אַ ליבער איד, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישׂראל, וואו ער פלאַנצט טאַקע פרוכט־בוימער אויף דער אֶמֶת׳ער ארץ־ישׂראל ערד!

שַׁבָּת שִׁירָה

דער שַׁבָּת, ווען מען לייענט אין די שולן די סֶדְרָה „בְּשַׁלַּח", ווערט אָנגערופן „שַׁבָּת שִׁירָה". דאָס הייסט: „דער שבת פון געזאַנג".

דאָס איז דערפאַר, וואָס אין יענער סדרה איז דאָ דאָס געזאַנג „אָז יָשִׁיר" וואָס משה און די אידן האָבן געזונגען נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריבער דעם יַם־סוּף.

די שִׁירָה—אָז יָשִׁיר

אָז יָשִׁיר — דעמאָלט האָט משֶׁה און די אידן געזונגען דאָסדאָזיקע געזאַנג צו גאָט:

איך וועל זינגען צו גאָט,\
וואָרים ער איז הויך דערהײכט;\
דעם פערד מיט זיין רייטער\
האָט ער געשליידערט אין יַם!\
מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז גאָט,\
און ער איז מיר געוועזן אַ יְשוּעָה,\
דאָס איז מיין גאָט,\
און איך וועל אים באַשײנען;

דער גאָט פון מיין פאָטער,
און איך וועל אים דערהייבן!

דער פיינט (פַּרְעֹה) האָט געזאָגט:
איך וועל יאָגן, איך וועל כאַפּן (די אידן),
איך וועל אויסטיילן רויב,
מיין זעל וועט זיך אָנפילן מיט זיי,
איך וועל ציִען מיין שווערד (אויף די אידן),
און אויסראָטן וועט זיי מיין האַנט!
האָסטו (גאָט!) מיט דיין אָטעם אַ בלאָז געטאָן,
האָט דער יַם זיי צוגעדעקט;
זיי (פַּרְעה מיט זיין אַרמיי) זיינען איינגעזונקען
ווי בליי אין די מאַכטיקע וואַסערן!

(חומש שמות, קאַפּיטל ט"ו)

שבת שירה און די פייגעלעך

עס איז אַן אַלטער, אַלטער מִנְהָג ביי אידן, אַז עס קומט דער שבת־שירה גייען אידישע קינדער אַרויס אין דרויסן און וואַרפן פאַר די פייגעלעך ברעקלעך ברויט און קאַשע.

וועגן דעם ווערט דערציילט אַ זייער שיינע לעגענדע:

אין יענע צייטן, ווען די אידן זיינען געווען קנעכט ביי פַּרְעֹה'ן אין מִצְרַיִם, פלעגן די אויפזעער יעדן פרימאָרגן זיי שמייסן מיט ריטער און זיי וועקן פון שלאָף:

—שטייט אויף צו דער אַרבעט, איר פוילע אידישע אַרבעטער!

די מידע, אויסגעמאַטערטע אידן פלעגן מוזן אויפשטיין באַלד און אַוועק צו דער שווערער אַרבעט צו מאַכן ציגל און בויען הייזער פאַר פרעה'ן.

די אידישע קינדערלעך פלעגן צוזען ווי מע מאַטערט זייערע טאַטעס, און האָבן ניט געקאָנט העלפן.

בייטאָג, ווען די מוטערס פלעגן אַוועקטראָגן עסן צו זייערע מענער, און די קינדערלעך זיינען געבליבן אַליין, פלעגן זיי אַרויס אין פעלד און זיך צוהערן צום געזאַנג פון די פייגעלעך.

די פייגעלעך פלעגן זינגען שיינע לידער וועגן דעם שיינעם לאַנד, וואָס גאָט האָט די אידן פאַרשפּראָכן . . .

פלעגן די אידישע קינדערלעך פרעגן:

—זאָגט אונדז, ליבע פייגעלעך, ווען ווען מיר גיין אין יענעם לאַנד?

האָבן די פייגעלעך געענטפערט:

—ווען איר וועט ווערן פריי פון אייער קנעכטשאַפט!

—ווען וועלן מיר ווערן פריי?

—ווען די ריכטיקע צייט פון אויסלייזונג וועט קומען! . . .

די הערצעלעך פון די אידישע קינדערלעך האָבן זיך געפרייט, און זיי פלעגן וועגן דעם דערציילן זייערע פאַרמאַטערטע און פאַרשקלאַפטע פאָטערס און מוטערס.

איינמאָל, אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג, אין חוֹדש נִיסָן, זיינען די פייגעלעך צוגעפלויגן צו די אידישע קינדערלעך, און זיי האָבן דערזען, ווי אַלע שטייען מיט זייערע פּעקלעך אויף די פּלייצעס און מיט זייערע שטעקנס אין די הענט—גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

—וואוהין גייט איר, אידישע קינדערלעך?—האָבן די פייגעלעך געפרעגט.

—מיר גייען אין יענעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד אַריין, וועגן וועלכן איר, פייגעלעך, פלעגט אונדז אַזוי שיין זינגען!—האָבן די קינדערלעך פריילעך געענטפערט.

זיינען די פייגעלעך זיי נאָכגעפלויגן און באַגלייט מיט זיסע, שיינע לידער פון פרייהייט און גליק.

די אידישע קינדערלעך האָבן גענומען ברעקלעך ברויט און געוואָרפן פאַר די פייגעלעך:

—עסט! עסט! איר זייט פרייע פייגעלעך, און מיר זיינען איצט אויך פרייע קינדערלעך . . .

און דערפאַר, יעדן שַבָּת־שִירָה, ווען אידן זינגען „אָז יָשִיר,״ וואַרפן אידישע קינדער ברעקלעך און קאַשע פאַר די פייגעלעך.

תַּעֲנִית־אֶסְתֵּר

דער טאָג פאַר פּורים, דער דרייצנטער טאָג פון חוֹדֶשׁ אֲדָר, איז אַ תַּעֲנִית־טאָג, וועלכן מ׳רופט „תַּעֲנִית־אֶסְתֵּר", אָדער „אֶסְתֵּר־תַּעֲנִית", דער פאַסט־טאָג פון אסתּר.

דאָס איז אין אָנדענק פון דעם פאַסט־טאָג וואָס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה האָט באַפוילן צו מאַכן, איידער זי איז געגאַנגען צום קעניג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ צו בעטן פאַר די אידן.

דעמאָלט האָט אסתּר המלכּה אַליין מיט אירע באַדינערינס און אויך מָרְדְּכַי מיט אַלע אידן געפאַסט און געבעטן גאָט.

און דערדאָזיקער תּענית איז פאַרבליבן ביז היינט מיטן נאָמען „תּענית אסתּר" (זע: „מְגִילַּת אֶסְתֵּר").

די געשיכטע פון פּורים

(מְגִילַּת אֶסְתֵּר)

קאַפּיטל איינס

עס איז געווען אין די טעג פון דעם קעניג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וועלכער האָט געקיניגט איבער הונדערט און זיבן־און־צוואַנציק מְדִינוֹת.

אויפן דריטן יאָר פון זיין קיניגן האָט דער מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ געמאַכט אין זיין פּערסישער הויפּטשטאָט שׁוּשַׁן אַ גרויסע סְעוּדָה פאַר אַלע האַרן.

ער האָט זיך באַרימט פאַר אַלע זיינע געסט מיט זיין קעניגלעכער רייכקייט גאַנצע הונדערט מיט אַכציק טעג.

נאָכדעם האָט דער מלך געמאַכט אַ סעודה אויך פאַר אַלע מענטשן פון דער שטאָט, אין הויף פון זיין פּאַלאַץ־גאָרטן, זיבן טעג. ווייַנען האָט מען דאָרטן געגעבן טרינקען אין גאָלדענע כֵּלִים, לויטן קעניג׳ס מעגלעכקייט (כְּיַד הַמֶּלֶךְ), יעדן אַזויפיל וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט.

אויך די קעניגין וַשְׁתִּי האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר די ווייבער אין קעניגלעכן הויז.

אויפן זיבעטן טאָג, ווען דעם מלך׳ס האַרץ איז געווען פריילעך פון וויין, האָט ער געהייסן זיינע זיבן קאַמערדינער: מְהוּמָן, בִּזְּתָא, חַרְבוֹנָה,

בִּיגְתָא, אֲבַגְתָא, זֵתַר און כַּרְכַּס, אַריינצוברענגען די מַלְכָּה וַשְׁתִּי אין איר קעניגלעכער קרוין, כְּדֵי צו ווייזן אַלעמען איר שיינקייט, וואָרים זי איז געווען זייער אַ שיינע.

האָט די מלכה ושתי ניט געוואָלט קומען אויף דעם מלך'ס באַפעל. איז אחשורוש זייער אין כעס געוואָרן. זיין גרימצאָרן האָט אין אים געברענט. און ער האָט געפרעגט זיינע קלוגע לייט, וועלכע ווייסן דעם געזעץ:

—וואָס דאַרף מען לויטן געזעץ טאָן צו דער קעניגין ושתי, דערפאַר וואָס זי האָט ניט געוואָלט פאָלגן דעם באַפעל פונעם קעניג?

האָט מְמוּכָן געזאָגט:

—ניט נאָר אַקעגן מלך אַליין האָט די מלכה ושתי געזינדיקט, נאָר אַקעגן אַלע פעלקער אין מלך'ס מדינות. וואָרים פון איצט אָן וועלן אַלע ווייבער אויפהערן פאָלגן זייערע מענער, און עס וועט זיין געגוג בִּזָיוֹן און ערגערניש! דערום, אויב דער מלך וויל זי באַשטראָפן, זאָל ער אַרויסגעבן אַ באַפעל, און עס זאָל פאַרשריבן ווערן אין די געזעץ־ביכער פון פּערסיע, אַז ושתי זאָל מער ניט זיין קעניגין, און דער מלך זאָל זיך נעמען אַ בעסערע פון איר! נאָר דעמאָלט וועלן אַלע ווייבער אָפּגעבן כָּבוֹד צו זייערע מענער פון גרעסטן ביזן קלענסטן!

האָט דער קעניג אחשורוש אַזוי געטאָן. און ער האָט צעשיקט בריוו אין אַלע מְדִינוֹת, אין יעדער מדינה לויט איר שריפט און שפּראַך, אַז איטלעכער מאַן זאָל זיין דער הערשער אין זיין הויז און ער זאָל רעדן די שפּראַך פון זיין פאָלק!

קאַפּיטל צוויי

ווען דער כעס פונעם קעניג האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן ושתי'ן, איר זינד און איר שטראָף.

האָבן די האַרן געזאָגט צו אים:

—זאָל מען זוכן פאַרן קעניג יונגע, שיינע מיידלעך. און דאָס מיידל, וואָס וועט געפעלן ווערן דעם מלך בעסער פון אַלע, זאָל ווערן די מלכה אָנשטאָט ושתי'ן.

און קעניג אחשורוש האָט אַזוי געטאָן.

אין שוּשַׁן איז געווען אַ איד, וועלכער האָט געהייסן מָרְדְּכַי, דער זון פון יָאִיר. מרדכי האָט ביי זיך דערצויגן זיין אָנקל'ס אַ טאָכטער, וועלכע האָט

געהייסן „הֲדַסָה", דאָס איז אֶסְתֵּר, וואָרים זי האָט ניט געהאַט קיין פֿאָטער און מוטער. אסתּר איז געווען זייער שיין מיט איר געשטאַלט און מיט איר אויסזען.

און אַז ס'איז אַרויס דער באַפֿעל פֿונעם קעניג, און מ'האָט איינגעזאַמלט פֿיל מיידלעך אין דער הויפּטשטאָט שושן, אונטער דער הַשְׁגָחָה פֿון הֵגַי, דער היטער פֿון די פֿרויען, איז אסתּר אויך גענומען געוואָרן אַהין.

אסתּר האָט נוֹשֵׂא־חֵן געווען (געפֿעלן געוואָרן) אין הֵגַי'ס אויגן, און ער האָט געאײַלט צו געבן איר אַלע זאַלבן. און ער האָט זי מיט אירע מיידלעך פֿאַרצייכנט צום גוטן אין הויז פֿון די פֿרויען (האַרעם).

אסתּר האָט ניט אויסגעזאָגט פֿון וועלכן פֿאָלק זי שטאַמט, וואָרים מרדכי האָט איר אַזוי באַפֿוילן. און מרדכי פֿלעגט טאָג ביי טאָג אַרומגיין פֿאַרן קעניג'ס הויז צו געוואָר ווערן וואָס אסתּר מאַכט און וואָס מיט איר פּאַסירט.

צוועלף חֳדָשִׁים האָבן זיך די מיידלעך באַדאַרפֿט צוגרייטן, איידער דער קעניג האָט דערלויבט אַריינצובריינגען זיי צו אים.

יעדן טאָג האָט מען אַריינגעפֿירט אַן אַנדער מיידל. און אַז דער קעניג האָט זיי אַוועקגעשיקט צוריק, זיינען זיי שוין מער ניט געקומען.

אסתּר איז גענומען געוואָרן צום קעניג אין חוֹדֶש טֵבֵת. און דער מלך האָט אסתּר'ן באַלד ליב באַקומען, און ער האָט איר אָנגעטאָן אַ קרוין אויפֿן קאָפּ און האָט זי געמאַכט פֿאַר זיין מלכּה אויף וַשְׁתִּי'ס אָרט.

און אחשורוש האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט פֿאַר אַלע האַרן און קנעכט פֿון אסתּר'ס כָּבוֹד וועגן. און ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַמנעסטיעס (הֲנָחוֹת) פֿאַרן פֿאָלק און געשענקט פֿיל מַתָּנוֹת.

אין יענע טעג איז מרדכי געזעסן אין טויער פֿונעם קעניג, און ער האָט געהערט ווי צוויי קאַמערדינער, בִּגְתָן און תֶּרֶשׁ, די שוועל־היטער פֿונעם קעניג, האָבן געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג צו טויטן דעם מלך אחשורוש. מרדכי האָט באַלד די זאַך געלאָזט וויסן אסתּר'ן, און אסתּר האָט עס מוֹדִיעַ געווען דעם קעניג אין מרדכי'ס נאָמען.

מ'האָט די זאַך באַלד נאָכגעפֿאָרשט, און די פֿאַרשווערונג איז אויפֿגעדעקט געוואָרן. די פֿאַררעטער, בִּגְתָן און תֶּרֶשׁ, זיינען אויפֿגעהאָנגען געוואָרן, און עס איז פֿאַרשריבן געוואָרן אין דעם קעניג'ס סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת.

קאַפּיטל דריי

נאָך דידאָזיקע געשעענישן האָט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ גרויס געמאַכט הָמָן, דעם זון פֿון הַמְדָתָא, און ער האָט דערהויבן זיין שטול איבער אַלע האַרן.

און אַלע קעניגלעכע קנעכט, וואָס אין קעניג'ס טויער, האָבן געקניט און זיך געבוקט פאַר הָמָנ'ען, וואָרים אַזוי האָט דער קעניג באַפוילן. נאָר מָרְדְכַי פלעגט ניט קניען און ניט בוקן זיך.

האָבן די קנעכט פונעם מלך געפרעגט מרדכי'ן: פאַרוואָס טרעטסטו איבער דעם קעניג'ס באַפעל? האָט מרדכי זיי געענטפערט: איך בין אַ איד, און איך טאָר ניט קניען און זיך בוקן פאַר אַ מענטשן! האָבן די קנעכט דאָס דערציילט המנ'ען.

ווען המן האָט געזען, אַז מרדכי קניט ניט און בוקט זיך ניט פאַר אים, איז ער געוואָרן פול מיט גרימצאָרן. און ער האָט באַשלאָסן צו נוֹקֵם זיין זיך ניט נאָר אָן מרדכי'ן אַליין, נאָר אויך אָן מרדכי'ס גאַנצן פאָלק. פון דעמאָלט אָן האָט המן געזוכט צו פאַרטיליגן אַלע אידן אין אֲחַשְׁוֵרוֹש'עס מְלוּכָה.

אין ערשטן חוֹדש, דאָס איז חוֹדש נִיסָן, אין צוועלפטן יאָר פון מלך אחשורוֹש, האָט מען געוואָרפן גוֹרָל (פּוּר) פון טאָג אויף טאָג, און פון חוֹדש אויף חוֹדש, ביז צום צוועלפטן חוֹדש, דאָס איז אֲדָר.

און המן האָט געזאָגט צום מלך אחשורוֹש: פאַראַן איין פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קעניג־רייך, און זיינע געזעצן זיינען אַנדערש ווי ביי איטלעכן פאָלק, און די געזעצן פונעם מלך היטן זיי ניט,– און דערום לוינט זיך ניט פאַרן קעניג צו לאָזן זיי לעבן! אויב דער מלך וויל, זאָל באַשלאָסן ווערן אומצוברענגען זיי, און איך אַליין וועל באַצאָלן דעם מלך צען טויזנט זילבער־שטיק!

האָט דער מלך אַראָפּגענומען זיין זיגל־רינג פון דער האַנט און האָט אים געזאָגט: איך שענק דיר דאָס געלט און אויך דאָס אידישע פאָלק, קאָנסט טאָן מיט דעם וואָס דו ווילסט אַליין!...

ווען המן האָט דאָס דערהערט פונעם קעניג, האָט ער באַלד צעשיקט בריוו צו אַלע האַרן אין קעניג'ס נאָמען, צו יעדן האַר לויט זיין שריפט און שפּראַך. אין די בריוו, וועלכע ער האָט צעשיקט דורך ספּעציעלע שְׁלִיחִים, האָט המן באַפוילן צו טויטן און אומצוברענגען אַלע אידן, יונג און אַלט, קליינע קינדער און פרויען, און צו אָפּרויבן זייער פאַרמעגן, אין איין טאָג, אין דעם דרייצענטן טאָג פון חוֹדש אדר.

דאָס געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שוּשַׁן, און די לויפערס האָבן עס צעטראָגן אין אַלע מדינות פונעם מלך'ס קיניגרייך.

און אחשורוֹש מיט המנ'ען האָבן זיך געזעצט טרינקען, און די שטאָט שושן איז געווען צעטומלט.

קאַפּיטל פיר

ווי נאָר מָרְדְכַי האָט זיך דערוואוסט אַלץ וואָס איז געשען, האָט ער צעריסן זיינע קליידער, אָנגעטאָן אַ זאַק מיט אַש און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין מיטן שטאָט און האָט געשריגן מיט אַ גרויס און ביטער געשריי. און אַזוי איז ער צוגעקומען ביז צום קעניג׳ס טויער. וואָרים מ׳האָט ניט געטאָרט אַריינגיין אינעווייניק אין טויער אין אַ זאַק.

און אין יעדער מְדִינָה, וואוהין דעם קעניג׳ס באַפעל (גְזֵירָה) איז אָנגעקומען, איז געוואָרן אַ גרויסער טרויער ביי אידן, און זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט און געפאַסט (געמאַכט אַ תַּעֲנִית) און זיך אונטערגעבעט זעק מיט אַש.

זיינען געקומען אסתּר׳ס מיידלעך און אירע קאַמערדינער און זיי האָבן איר אַלץ דערציילט, און זי איז אויפגעציטערט געוואָרן. אסתּר האָט באַלד געשיקט צו מרדכי׳ן קליידער אויף איבערצוטאָן זיך, — אָבער ער האָט זיי ניט אָנגענומען.

האָט אסתּר געשיקט הֲתָך׳ן, איינער פונעם קעניג׳ס קאַמערדינער, צו מרדכי׳ן אויסצוגעפינען ביי אים אַלץ וואָס האָט פּאַסירט. האָט אים מרדכי דערציילט וועגן דער גְזֵירָה (שלעכטן באַפעל) צו טויטן אַלע אידן, און ער האָט געהייסן זאָגן אסתּר׳ן, אַז זי זאָל באַלד גיין צום קעניג און בעטן פאַר איר פאָלק.

האָט אסתּר געשיקט הֲתָך׳ן צוריק צו זאָגן מרדכי׳ן אַזוי:

עס איז אַ געזעץ, אַז אויב עמיצער גייט אַריין צום קעניג אומגערופן, דאַרף מען אים טויטן; סיידן דער קעניג שטרעקט אויס צו אים זיין גאָלדענעם צעפּטער, דאַן בלייבט ער לעבן. און איך בין ניט גערופן געוואָרן צום קעניג שוין דרייסיק טעג!

האָט מרדכי געהייסן זאָגן אסתּר׳ן:

— זאָלסט ניט דענקען, אַז דו וועסט זיין די איינציקע פון אַלע אידן צו רעטן זיך אין קעניג׳ס הויז! וואָרים אויב דו וועסט שווייגן אין אַזאַ צייט, וועט אַ הילף און אַ רעטונג פאַר אידן קומען פון אַן אַנדער אָרט, און דו און דיין פאָטער׳ס הויז וועלן אונטערגיין! און ווער ווייסט אויב דו האָסט ניט דערגרייכט די מְלוּכָה נאָר צוליב אָט דערדאָזיקער צייט?

האָט אסתּר געהייסן ענטפערן מרדכי׳ן:

גיי זאַמל־איין אַלע אידן אין שושן, און איר אַלע זאָלט פאַסטן דריי טעג און דריי נעכט, און איך מיט מיינע מיידלעך וועלן אויך פאַסטן, און איך וועל

גיין צום קעניג אומגערופן, ניט לויטן געזעץ, — און אויב איך וועל אומקומען וועל איך אומקומען!

און מרדכי איז געגאַנגען און געטאָן אַלץ ווי אסתּר האָט אים באַפוילן.

קאַפּיטל פינף

אויפן דריטן טאָג האָט אסתּר אָנגעטאָן אירע קעניגלעכע קליידער און זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן מלך'ס הויז, אין אינעווייניקסטן הויף. דער מלך איז גראָד דעמאָלט געזעסן אויף זיין טראָן, אַקעגן דעם איינגאַנג פונעם הויז. און ווי דער מלך האָט דערזען אסתּר'ן, האָט זי נוֹשֵׂא־חֵן געווען ביי אים, און ער האָט איר אויסגעשטרעקט דעם גאָלדענעם צעפּטער, וואָס אין זיין האַנט. אסתּר איז צוגעקומען און האָט אָנגערירט דעם שפּיץ צעפּטער.

האָט דער קעניג צו איר געזאָגט:

—וואָס איז דיר, אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה? וואָס איז דיין בַּקָשָׁה? אפילו ביז אַ האַלבער מְלוּכָה וועל איך דיר געבן!

האָט אסתּר געזאָגט:

—אויב דער קעניג וויל, זאָל ער קומען מיט המנ'ען היינט צום מאָלצייט, וואָס איך האָב פאַר אים געמאַכט!

האָט דער מלך באַלד געשיקט רופן המנ'ען, און ער איז מיט אים געקומען צו אסתּר'ס מאָלצייט, ווי אסתּר האָט געבעטן.

זיצנדיק ביים מאָלצייט, האָט דער קעניג ווידער געזאָגט צו אסתּר'ן:

—אסתּר, וואָס נאָר דיין פאַרלאַנג איז, וועט דיר געגעבן ווערן!

האָט אסתּר געענטפערט:

—מיין פאַרלאַנג איז, אַז דער קעניג זאָל אויך מאָרגן קומען מיט המנ'ען צו מיין מאָלצייט, וואָס איך וועל פאַר אים מאַכן!

אין יענעם טאָג איז המן אַרויסגעגאַנגען פונעם פּאַלאַץ זייער פריילעך. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען מרדכי'ן אין מלך'ס טויער, און יענער האָט זיך אפילו קיין ריר ניט געטאָן פאַר אים, אַזוי איז המן באַלד געוואָרן פול מיט כַּעַס.

המן איז אַוועק אַהיים, ער האָט געשיקט רופן זיין ווייב זֶרֶש און זיינע גוטע פריינט, און ער האָט זיי דערציילט וועגן זיין גרויסקייט ביים קעניג און ביי דער קעניגין, און ווי דאָס אַלץ באַקומט אים ניט, ווען ער זעט דעם איד מרדכי זיצן אין קעניג'ס טויער . . .

האָט זיין ווייב זֶרֶש, און אַלע פריינט, געזאָגט צו המנ'ען:

—הייס מאַכן אַ תְּלִיָה פופציק איילן די הויך, און אינדערפרי זאָג דעם

קעניג, אַז מ'זאָל אויף איר אויפהענגען מרדכי'ן, וועסטו קאָנען גיין אַ פריי־לעכער מיטן מלך צום מאָלצייט.

האָט המן אַזוי געטאָן, און ער האָט געמאַכט אַ תְּלִיָה.

קאַפּיטל זעקס

אין יענער נאַכט האָט דער קעניג ניט געקאָנט איינשלאָפן. האָט ער גע־הייסן ברענגען דעם סֵפֶר־הַזִכְרוֹנוֹת און מ'זאָל לייענען פאַר אים.

איז געפונען געוואָרן דאָרטן פאַרשריבן, אַז מרדכי האָט געראַטעוועט דעם מלך'ס לעבן, ווען די צוויי קאַמערדינער האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו טויטן אים.

האָט אֲחַשְׁוֵרוֹש באַלד אַ פרעג געטאָן:

—וואָס פאַר אַ כָּבוֹד און גְדוּלָה איז געטאָן געוואָרן צו מרדכי'ן דערפאַר?

האָבן די דינער געענטפערט:

—קיין שום זאַך איז מרדכי'ן ניט געטאָן געוואָרן דערפאַר!

האָט דער מלך געפרעגט:

—ווער איז איצט דאָ אין הויף ביי מיר?

האָבן די דינער אַ קוק געטאָן און דערזען המנ'ען אָנקומען אין הויף אַריין. דאָס איז המן געקומען בעטן דעם קעניג, אַז מ'זאָל מרדכי'ן אויפ־הענגען אויף דער תליה, וואָס ער האָט פאַר אים צוגעגרייט . . .

דער קעניג האָט געהייסן אַריינברענגען המנ'ען. און ווען המן איז אַריין, האָט אחשורוש אים באַלד אַ פרעג געטאָן:

—וואָס דאַרף מען טאָן מיט אַ מאַן, וועמען דער קעניג וויל אָנטאָן אַסך כבוד?

האָט המן געקלערט ביי זיך אין האַרצן: וועמען וויל דער מלך אָנטאָן אַסך כבוד, אַחוץ מיר? . . . און ער האָט געענטפערט:

—אַ מאַן, וועמען דער קעניג וויל אָנטאָן גרויסן כבוד, זאָל מען אָנקליידן דעם קעניג'ס קלייד, און אים אַרויפזעצן אויפן קעניג'ס פערד מיט דער קע־ניגלעכער קרוין אויפן קאָפּ, און אַ גרויסער האַר זאָל אים פירן, רייטנדיק אויפן פערד, דורך דער ברייטער גאַס פון דער שטאָט, און זאָל אויסשרייען פאַר אים: אָט אַזוי ווערט געטאָן צום מאַן, וועמען דער קעניג וויל אָפּגעבן אַסך כבוד!

האָט אחשורוש געזאָגט צו המנ'ען:

—אויב אַזוי, נעם גיך מיין קלייד און מיין פערד, ווי דו האָסט געזאָגט,

און טו אַזוי צו מרדכי'ן דעם איד, וועלכער זיצט אין מלך'ס טויער! אָבער ס'זאָל ניט פעלן גאָרניט פון אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט!

האָט המן גענומען דאָס קעניגלעכע קלייד און דאָס קעניגלעכע פערד, און ער האָט געמאַכט רייטן מרדכי'ן איבער דער שטאָט, און ער האָט פאַר אים אויסגערופן:

—אַזוי ווערט געטאָן צום מאַן, וועמען דער קעניג וויל אָפּגעבן אַסך כבוד!

מרדכי האָט זיך אומגעקערט צום קעניג'ס טויער; און המן איז אַוועק אַהיים אַ טרויעריקער און מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ.

המן האָט דערציילט זיין ווייב זֶרֶש און אַלע פריינט וואָס ס'האָט מיט אים געטראָפן. און זיי האָבן אים געזאָגט:

אויב מרדכי איז פון אידישן שטאַם, איז ווי נאָר דו האָסט אָנגעהויבן צו פאַלן פאַר אים, וועסטו שוין ווייטער פאַלן!

ווי זיי רעדן אַזוי מיט אים, איז מען געקומען רופן המנ'ען צום מאָלצייט, וואָס אסתּר האָט געמאַכט.

קאַפּיטל זיבן

דער מלך און המן זיינען געקומען טרינקען ביי אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה. און דער מלך האָט ווידער געזאָגט צו אסתּר'ן:

—וואָס נאָר דו פאַרלאַנגסט, אסתּר, וועט דיר געגעבן ווערן!

האָט אסתּר געענטפערט:

—אויב דער מלך וויל, זאָל מיר געשענקט ווערן מיין לעבן און ס'לעבן פון מיין פאָלק! וואָרים איך און מיין פאָלק זיינען פאַרקויפט געוואָרן צום פאַרטיליגן, צום טויטן און צום אומברענגען! ווען מיר וואָלטן פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן, וואָלט איך געשוויגן; אָבער דער פיינט איז ניט ווערט דעם שאָדן, וואָס ער וועט אָנטאָן דעם קעניג!

האָט דער קעניג אַ פרעג געטאָן:

—ווער איז דער, און וואו איז דער, וואָס האָט זיך דערוועגט אַזאַ זאַך צו טאָן?

האָט אסתּר אָנגעוויזן:

—אַ מאַן אַ צוֹרֵר און אַ פיינט, אָט דערדאָזיקער בייזער המן!

המן האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם מלך און פאַר דער מלכּה. און דער מלך איז אויפגעשטאַנען אין זיין גרימצאָרן און ער איז אַריין אין דעם פּאַלאַץ-גאָרטן.

המן האָט געזען, אַז דער קעניג איז שטאַרק בייז אויף אים, איז ער גע-

פאַלן אויף די קני צו בעטן אסתּר׳ן פאַר זיין לעבן. און ווי דער מלך האָט זיך אומגעקערט פונעם גאָרטן אין הויז אַריין, האָט ער געטראָפן המנ׳ען פאַ־לענדיק אויף דעם בעטל, אויף וועלכן אסתּר איז געלעגן.

האָט דער קעניג אויסגעשריגן:

—דו ווילסט אויך באַצווינגען די מלכּה ביי מיר אין הויז?

דערווייל איז אַריינגעקומען דער קאַמערדינער חַרְבוֹנָה און געזאָגט:

—אָט שטייט אויך לעבן המנ׳ס הויז אַ תְּלִיָה פופציק איילן די הויך, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר מרדכי׳ן, וועלכער האָט געראַטעוועט דעם קעניג׳ס לעבן . . .

האָט דער קעניג געזאָגט:

—הענגט אים אויף!

האָט מען אויפגעהאָנגען המנ׳ען אויף דער תּליה, און דעם קעניג׳ס כַּעַס האָט זיך איינגעשטילט.

קאַפּיטל אַכט

אין יענעם טאָג איז מרדכי געקומען פאַרן מלך, וואָרים אסתּר האָט אויסגעזאָגט וואָס ער קער איר אָן.

און דער מלך האָט אַראָפּגענומען זיין זיגל־רינג, וואָס ער האָט אַוועק־גענומען פון המנ׳ען, און אים איבערגעגעבן צו מרדכי׳ן.

דעמאָלט איז אסתּר ווידער געקומען צום קעניג, זי איז געפאַלן צו זיינע פיס און האָט געוויינט און געבעטן ביי אים אָפּצורופן צוריק די גְזֵירָה, וואָס המן האָט אַרויסגעגעבן אַקעגן די אידן.

דער מלך האָט צו אסתּר׳ן אויסגעשטרעקט זיין גאָלדענעם צעפּטער, און אסתּר איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

—אויב איך האָב נוֹשֵׂא־חֵן געווען ביים קעניג, זאָל באַלד געשריבן ווערן בריוו צו מְבַטֵל זיין המנ׳ס בריוו! וואָרים ווי וועל איך קאָנען צוזען דעם אונטערגאַנג פון מיין אָפּשטאַם?

האָט דער מלך געזאָגט צו אסתּר׳ן און אויך צו מרדכי׳ן:

—נעמט איר און שרייבט וועגן די אידן אַזוי ווי איר פאַרשטייט, און חַתְמ׳עט מיטן זיגל־רינג פונעם קעניג!

אין יענעם טאָג, דעם דריי־און־צוואַנציקסטן טאָג פון דריטן חוֹדֶש, סִיוָן, זיינען גערופן געוואָרן דעם קעניג׳ס שרייבער, און זיי האָבן געשריבן אַלץ וואָס מרדכי האָט זיי באַפוילן, אין נאָמען פונעם מלך אחשורוֹש. די בריוו זיינען צעשיקט געוואָרן צו די אידן און צו די האַרן פון אַלע הונדערט און

זיבן־און־צוואַנציק מְדִינוֹת, צו יעדער מדינה לויט איר כְּתָב און לויט איר לָשׁוֹן, אַז דער מלך דערלויבט די אידן אין יעדער שטאָט זיך איינצוזאַמלען און זיך שטעלן אַקעגן זייערע שׂוֹנְאִים, וועלכע וועלן זיי באַפאַלן.

די בריוו זיינען אומעטום געלייענט געוואָרן, און די אידן האָבן זיך צו־געגרייט פאַר דעם דרייצנטן טאָג פונעם חודש אֲדָר צו נוֹקֵם זיין זיך אָן זיי־ערע פיינט.

דער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שטאָט שושן, און מרדכי איז אַרויסגעגאַנגען פאַרן מלך אין בִּגְדֵי מַלְכוּת (קעניגלעכע קליידער) פון בלוי און ווייס, מיט אַ גרויסער גאָלדענער קרוין און אַ מאַנטל פון ליינען און פורפור. און די שטאָט שושן האָט געהילכט און זיך געפרייט.

און אומעטום וואו דער באַפעל איז אָנגעקומען איז ביי די אידן געווען אַ ליכטיקייט און אַ שִׂמְחָה און אַ פרייד און אַ גְדוּלָה. אידן האָבן געמאַכט אַ סעודה און אַ יום־טוב אין יענעם טאָג.

און פיל פון די פעלקער פון יעדן לאַנד האָבן זיך דעמאָלט מְגַיֵּיר גע־ווען (געוואָרן אידן), ווייל די מוֹרָא פאַר אידן איז געפאַלן אויף זיי.

קאַפיטל ניין

אין דרייצנטן טאָג פון חוֹדש אֲדָר, אין טאָג ווען די אידישע פיינט האָבן געהאָפט צו געוועלטיקן איבער זיי, איז גאָר געוואָרן פאַרקערט: די אידן האָבן געוועלטיקט איבער זייערע שׂוֹנְאִים און אָנפאַלער.

און אַלע האַרן פון די מדינות האָבן געהאָלפן די אידן, וואָרים די מוֹרא פאַר מרדכי'ן איז געפאַלן אויף זיי, ווייל מרדכי איז געווען גרויס אין מלך'ס הויז, און זיין נאָמען איז געגאַנגען אין אַלע מדינות.

און די אידן האָבן געשלאָגן אַלע זייערע פיינט, וועלכע זיינען אויף זיי אָנגעפאַלן. אין דער הויפּטשטאָט שושַן האָבן די אידן געטויט פינף הונדערט מאַן. אויך המנ'ס צען זין:

פַּרְשַׁנְדָּתָא	אֲרִידָתָא
דַּלְפוֹן	פַּרְמַשְׁתָּא
אַסְפָּתָא	אֲרִיסַי
פּוֹרָתָא	אֲרִידַי
אֲדַלְיָא	וַיְזָתָא

זיינען געווען צווישן די געפאַלענע.

אָבער צו רויב האָבן די אידן ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט.

אויך אין פערצנטן טאָג פון חודש אדר האָבן אידן געטויט אין שושן דריי הונדערט מאַן פון זייערע שונאים, און די צען זין המנ׳ס האָט מען אויפגע־האָנגען.

און אויך אין די איבעריקע מדינות פונעם מלך האָבן זיך די אידן פאַר־זאַמלט און זיך געשטעלט פאַר זייער לעבן, און זיי זיינען גערעטעט געוואָרן פון זייערע אָנפאַלער. אין דרייצענטן טאָג פון חודש אדר האָבן דאָרטן די אידן געטויט פינף־און־זיבעציק טויזנט שונאים. און אין פערצנטן טאָג פון חודש אדר האָבן זיי גערוט און האָבן אים געמאַכט פאַר אַ טאָג פון פרייד און סעודות.

און דערום מאַכן אידן אין דעמדאָזיקן טאָג אַ יום־טוב און מ׳שיקט מַתָּנוֹת (שְׁלַח־מָנוֹת) איינער דעם אַנדערן און אויך צו אָרעמע לייט.

הָמָן דער זון פון הַמְּדָתָא, דער צוֹרֵר הַיְּהוּדִים, האָט געוואָלט אומ־ברענגען די אידן, און ער האָט געוואָרפן אַ גוֹרָל (פּוּר), — אָבער די בייזע מַחְשָׁבָה זיינע איז געפאַלן אויף זיין אייגענעם קאָפּ.

און דערום רופט מען דידאָזיקע טעג „פּורים”, אויפן נאָמען פון „פּור”.

און מרדכי האָט צעשיקט בריוו צו אַלע אידן, אַז פּורים זאָל געהאַלטן ווערן אין יעדן דוֹר, אין יעדער מִשְׁפָּחָה, און אין יעדער מְדִינָה, און דאָס געדעכעניש זאָל ניט אויפהערן ביי זייערע קינדער.

אויך אסתּר׳ס באַפעל האָט באַפעסטיקט דעמדאָזיקן אָנזאָג וועגן פּורים, און עס איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַ בוך.

קאַפּיטל צען

און די מַעֲשֶׂה פון מלך אחשורוש און זיינע גְבוּרוֹת, און די דערציילונג פון מרדכי׳ס גרויסקייט, וואָס דער מלך האָט אים גרויס געמאַכט, זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין סֵפֶר־הַזִּכְרוֹנוֹת פון די מְלָכִים פון פּערסיע.

וואָרים מרדכי איז געווען דער שֵׁנִי לְמֶלֶךְ פון אחשורוש׳ן, און באַליבט ביי זיינע פיל ברידער.

מרדכי האָט געזוכט גוטס פאַר זיין פאָלק, און האָט גערעדט צום פרידן פאַר זיין גאַנצן אידישן שטאַם.

הָמָן הָרָשָׁע און די אידישע חָדָשִׁים

ווען הָמָן הָרָשָׁע האָט גענומען וואַרפן גורל (פּור) אין וועלכן חודש ער זאָל אומברענגען די אידן, זיינען אַלע צוועלף חדשים פון יאָר געקומען בעטן גאָט פאַר די אידן.

יעדער חודש האָט געבעטן, אַז אין אים זאָל המן ניט קענען טאָן קיין שום בייז צום אידישן פאָלק.

דער חוֹדֶש נִיסָן האָט געזאָגט:

—איך בין דער ערשטער חודש פונעם יאָר! אין מיינע טעג איז דאָס אידישע פאָלק אויסגעלייזט געוואָרן פון קנעכטשאַפט אין מִצְרַיִם, און איך בין פון דעמאָלט אָן אַ חודש פון פרייד ביי אידן! אין מיינע טעג פייערן אידן דעם יום־טוב פון פרייהייט (פֶּסַח)! זאָל אין מיר קיין טרויער ניט זיין!

דער חוֹדֶש אִיָּר האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג האָט אָנגעהויבן פאַלן דער „מָן" פון הימל, וועלכער האָט געשפּייזט די אידן פערציק יאָר אין דער מִדְבָּר! די אידן האָבן זיך זייער געפרייט מיט דער הימלשער שפּייז „מָן", ווייל זיי האָבן אין מָן געקאָנט פילן דעם טַעַם פון יעדן „מַאֲכָל" און „מַשְׁקֶה", וואָס זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט. זאָל אין מיר קיין אומגליק ניט געשען!

דער חוֹדֶש סִיוָן האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג האָבן די אידן מְקַבֵּל געווען די תּורה אויפן באַרג סִינַי! און די תּורה איז „אַ בוים פון לעבן – עֵץ חַיִּים – פאַר די וואָס האַלטן זי"! די אידן פייערן דעם שיינעם יום־טוב שָׁבוּעוֹת אין סִיוָן! זאָל אין מיר דאָס פאָלק פון דער תּורה ניט געשעדיקט ווערן!

דער חוֹדֶש תַּמּוּז האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג האָט דער קעניג פון בָּבֶל דורכגעבראָכן די פעסטונג פון דער הייליקער שטאָט יְרוּשָׁלַיִם און האָט געטויט טויזנטער מענער, פרויען און קינדער. איך בין שוין גענוג אומגליקלעך מיט מיינע אַלטע טרויער־טעג פאַר די אידן! זאָל שוין אין מיר קיין נייע אומגליקן מער ניט טרעפן!

דער חוֹדֶש אָב האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג האָט געטראָפֿן דער גרעסטער אומגליק ביים אידישן פאָלק! אין מיינע טעג האָבן די באַבילאָנער פאַרברענט דעם ערשטן בֵּית־הַמִקְדָשׁ (תִּשְׁעָה בְּאָב)! און שפּעטער מיט עטלעכע הונדערט יאָר האָבן אין דעמזעלבן טאָג פון חוֹדש די רוימער פאַרברענט דעם צווייטן בֵּית־הַמִקְדָשׁ! גענוג פאַר מיר צו זיין געשטראָפט; שיק שוין אין מיר מער קיין שטראָף נישט!

דער חוֹדֶש אֱלוּל האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג איז געענדיקט געוואָרן די מויער־וואַנט, וואָס די אידן האָבן אויסגעבויט אַרום יְרוּשָׁלַיִם! אין זְכוּת פון בֵּית־הַמִקְדָשׁ איז ירושלים געוואָרן די הייליקסטע שטאָט אין דער וועלט! זאָל איך זיין אויף שטענדיק אַ חוֹדש פון ריינע און הייליקע געדאַנקען!

דער חוֹדֶש תִּשְׁרֵי האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג טוען אידן תְּשׁוּבָה אויף זייערע זינד פון אַ גאַנץ יאָר (ראש־הַשָּׁנָה און יוֹם־כִּפּוּר) און זיי בלאָזן שוֹפָר צו דערמאָנען וועגן יִצְחָק׳ס עֲקֵדָה! אין תִּשְׁרֵי פּייערן אידן אויך דעם פריילעכסטן יום־טוב (סוּכּוֹת) און זיי בענטשן גאָט מיט אֶתְרוֹג און לוּלָב! זאָל אין מיר קיין שום אומגליק געשען צום פאָלק ישׂראל!

דער חוֹדֶש חֶשְׁוָן האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג איז די גוטע און פרומע מוטער שָׂרָה געשטאָרבן! שׂרה האָט גוטס געטאָן צו אַלע מענטשן, און אַלע האָבן זי געבענטשט! זאָל אין שׂרה׳ס זְכוּת ניט געשען צו אירע קינדער קיין שום בייז אין מיינע טעג!

דער חוֹדֶש כִּסְלֵו האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג וועט דאָס אידישע פאָלק אַרויסווייזן גרויס העלדישקייט צו באַשיצן די הייליקע תּוֹרה און דאָס הייליקע לאַנד! אין דעם חוֹדש וועלן אידן צינדן ליכט (חֲנוּכָּה) און לויבן גאָט׳ס נאָמען אַכט טעג (זאָגן הַלֵל). זאָל מיין פרייד ניט פאַרשטערט ווערן!

ניסן
אייר
סיון
תמוז
אב
אלול
תשרי
חשון
כסלו
טבת
שבט
אדר
תשרי
חשון
כסלו
טבת
שבט
אדר
ניסן
אייר
סיון
תמוז
אב
אלול

דער חוֹדֶש טֵבֵת האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג איז שוין איינמאָל געקומען אַ גרויסער אומגליק אויף די אידן! דער קעניג פון בָּבֶל האָט באַלאַגערט ירושלים (אין דער צייט פונעם ערשטן בֵּית־הַמִקְדָשׁ), און אַסך אידן זיינען געפאַלן אין די גאַסן פון הונגער! זאָל אין מיר מער קיין שלעכטס דעם אידישן פאָלק ניט געשען!

דער חוֹדֶש שְׁבָט האָט געזאָגט:

—אין מיינע טעג געפאַלט דער ראש הַשָׁנָה פון די ביימער אין הייליקן לאַנד (חֲמִשָׁה־עָשָׂר בִּשְׁבָט), און אידן מאַכן בְּרָכָה אויף פאַרשידענע פרוכטן און לויבן גאָט! זאָל קיין שום טרויער ניט זיין אין מיר!

דער חוֹדֶש אֲדָר האָט געשוויגן!

האָט גאָט אים אַ פרעג געטאָן:

—וואָס שווייגסטו, חוֹדש אדר?

האָט חוֹדש אדר געענטפערט:

—אין מיינע טעג איז גאָרניט געשען, און כ'האָב ניט וואָס צו זאָגן!

דאַן איז געפאַלן הָמָנ'ס גוֹרָל אומצוברענגען די אידן אין חוֹדש אדר.

המן האָט מיט פרייד אויסגערופן:

—גוט! אין חוֹדש אדר איז משה, דער גרעסטער אידישער נָבִיא, געשטאָרבן! דאָס איז אַ חוֹדש פון אומגליק פאַר אידן, און דערום וועל איך זיי פאַרניכטן אין חוֹדש אדר!

אין יענער מינוט האָבן די מַלְאָכִים אויסגעשריגן:

—הָמָן הָרָשָׁע! אומזיסט פרייסטו זיך! אין דעם חוֹדש אדר איז דער נביא משה אויך געבוירן געוואָרן, און דערום מוז דער חוֹדש פאַרבלייבן ביי אידן אַ חוֹדש פון שִׂמְחָה!...

פּורים צו דער מְגִילָה

(פון די קינדערשע יאָרן)

אֶסְתֵּר־תַּעֲנִית פאַרנאַכט האָט מיר דער טאַטע געזאָגט:

—טו זיך אָן אויף גיך, מיר וועלן באַלד גיין קלאַפּן המנ'ען!

און ער האָט מיר געגעבן אַ נייעם, ווייסן־בלישטשענדיקן בלעכענעם גראַגער.

איך האָב זיך דערפרייט, האָב אָנגעהויבן פּרואוון מיין גראַגער און כ'בין מיט איילנדיקע טריט נאָכגעלאָפן מיין טאַטן אין שול אַריין.

די שול איז געווען באַלויכטן און אָנגעפּאַקט מיט אידן. איך מיט נאָך אַסך אינגלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די בענק מיט די גראַגערס אין די הענט. פון מיינע חברים האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מע וועט באַלד לייענען די מְגִילָה, און ווען נאָר מ'וועט קומען צו המנ'ס נאָמען, דאַרפן מיר קלאַפּן.

—איך וועל שטאַרק קלאַפּן!—האָט איינער זיך באַרימט און שוין אַ גראַגער געטאָן.

—אָ, איך וועל נאָך שטאַרקער קלאַפּן!—האָט אַ צווייטער אַ טופּע געטאָן מיטן פוס.

אַלע אינגלעך האָבן געטאָן דאָסזעלבע און די באַנק האָט געציטערט.

דער שַמָש האָט אַ פּאַטש געטאָן אין טיש. ס'איז געוואָרן שטיל. דעם בַּעַל־קוֹרֵא האָט אָנגעהויבן לייענען די מגילה. ער לייענט און לייענט, און די גראַגערס ציטערן אין אונדזערע הענט. מיר שטייען קוים איין. יעדע מינוט, יעדע סעקונדע זיינען מיר גרייט אָנצוהייבן קלאַפּן המנ'ען. נאָר ס'איז שטיל און מע לייענט ווייטער. מיר קוקן איינער אויפן אַנדערן. יעדערער פון אונדז וויל זיין דער ערשטער צום קלאַפּן.

און אָט דערהערן מיר: הָ—מָ—ן! עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער גערויש פון דעם גראַגערן און פון דעם קלאַפּן מיט די פיס...

און באַלד ווידער: ה—מ—ן! און דער רַעַש ווערט נאָך גרעסער. און—ווייטער „המן", „המן" און „המן"—און מיינע הענט אַרבעטן מיט אַלע קרעפטן. אפילו אַלטע אידן קלאַפּן המנ'ען מיט די פיס. אַלע קלאַפּן, אַלע גראַגערן, שרייען, לאַכן. אַלע קולות פאַרמישן זיך, און עס ציטערט די לופט.

נאָך דער מגילה בין איך געקומען אַהיים אַ פריילעכער, אַ צופרידענער. נאָך אַזאַ לאַנגער, שווערער אַרבעט בין איך איינגעשלאָפן געשמאַק.

און מיר האָבן זיך געחָלומ'ט אַסך המנ'ס און אַלע המנ'ס זיינען מיט־אַמאָל פאַרשוואונדן אין טיפע־טיפע אָפּגרונטן, און מער קיין המנ'ס זעט מען שוין נישט און מ'הערט שוין נישט . . .

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט גאַנצפרי אָ פריילעכער און דערציילט וואָס ס'האָט זיך מיר געחָלומ'ט, האָבן טאַטע־מאַמע געזאָגט:

—הַלְוַאי, גאָטעניו, זאָל טאַקע אַזוי זיין!

שְׁלַח־מָנוֹת

כ'האָב אַ פלאָדן ווייער אַ זיסן,—
נאָר אויף שִׂמְחוֹת צו געניסן,
און אַ טײַטל אַ געשמאַקן,
און כ'האָב ניסעלעך צום קנאַקן,
און אַ טאָרט האָב איך אַ גאַנצן,
און כ'האָב זיבן פאָמעראַנצן,
און צום נאַשן, אַלץ צום נאַשן,
אָנגעפילטע הָמָן־טאַשן,—
אַלץ פון זיסן, אַלץ פון זיסן,
נאָר אויף שִׂמְחוֹת צו געניסן! . . .

פֶּסַח

דער יום־טוב פֶּסַח ווערט אָנגערופן מיט פיר נעמען:

א. חַג הַמַּצּוֹת (דער יום־טוב פון מַצות):

„אין ערשטן חודש, נִיסָן, פונעם פערצנטן טאָג אין חודש, אין אָוונט, זאָלט איר עסן מַצות ביז דעם איין־און־צוואַנציקסטן טאָג אין חודש.
(חומָש שְמות, י"ב, י"ח).

„זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, ברויט פון פּיין, וואָרים אין איילעניש ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצְרַיִם. זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויס־גיין פון לאַנד מצרים אַלע טעג פון דיין לעבן!" (חומָש דְבָרִים, ט"ז, ג').

ב. חַג הַפֶּסַח (דער יום־טוב פון איבערהיפּן):

„און עס וועט זיין, אַז אייערע קינדער וועלן אייך פרעגן: וואָס איז דאָס ביי אייך דידאָזיקע אַרבעט? זאָלט איר זאָגן: דאָס איז אַ קָרְבָּן־פֶּסַח צו גאָט, ווייל ער האָט איבערגעהיפּט („פֶּסַח" מיינט איבערהיפּן) איבער די הייזער פון די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, ווען ער האָט געשלאָגן מִצְרַיִם, און אונדזערע היי־זער האָט ער גערעטעט." (חומָש שְמות, י"ב, כ"ו).

ג. חַג הָאָבִיב (דער יום־טוב פון פרילינג):

„היט אָפּ דעם חודש פון פרילינג, און דו זאָלסט מאַכן פסח צו גאָט דיין האַר. ווייל אין דעם פרילינג־חודש האָט דיך גאָט דיין האַר אַרויסגענומען פון מִצְרַיִם." (חומָש דְבָרִים, ט"ז, א').

ד. זְמַן חֵרוּתֵנוּ (די צייט פון אונדזער פרייהייט):

אין שפּעטערדיקע צייטן האָט די טראַדיציע גענומען רופן פסח אויך „זְמַן חֵרוּתֵנוּ", די צייט פון אונדזער באַפרייאונג.

דער פֶּסַח־סֵדֶר

די צערעמאָניע פונעם פֶּסַח־סֵדֶר איז זייער שיין. סיי קליינע און סיי גרויסע האָבן ליב דעם סדר און זיי וואַרטן אויף אים מיט אומגעדולד.

אין הויז איז ריין און ציכטיק. אַלע גייען אָנגעטאָן אין יום־טוב'דיקע

קליידער. דער טיש איז באַדעקט מיט אַ ניי קלאָר־ווייס טישטוך. אויפן טיש שיינען די יום־טוב ליכט, און עס שעמערירן די פלעשער וויין און די כּוסות. אויבנאָן שטייט די „קְעָרָה": אַ טאַץ, וואָס איז איבערגעדעקט מיט אַ דריי־פאַכיקן טישטוך. אין טישטוך ליגן דריי גאַנצע מצות איינע אויף דער אַנדע־רער (די אויבערשטע מצה הייסט „כֹּהֵן", די מיטלסטע—„לֵוִי", און די אונ־טערשטע—„יִשְׂרָאֵל"). און אויפן טישטוך ליגן די פאָלגענדע זאַכן אין אַזאַ מין אָרדענונג:

זְרוֹעַ

אַ פולקעלע אָדער אַ גערגעלע פון אַ הון. דאָס איז אַלס אָנדענק פונעם „קָרְבַּן פֶּסַח", וואָס די אידן פלעגן שעכטן אין יְרוּשָׁלַיִם.

בֵּיצָה

אַן איי. אַן איי איז אַ סימן פון טרויער דאָס איז אַלס אָנדענק פון „חוּרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם".

מָרוֹר

כריין. דאָס איז אַלס אָנדענק, אַז די מִצְרִיִּים האָבן פאַרביטערט דאָס אי־דישע לעבן אין מִצְרַיִם.

חֲרוֹסֶת

אַ געמיש פון עפּל, ניס און ווייַן און טייטלען און צימרינג. דאָס איז אַלס אָנ־דענק פון ליים, וואָס אידן האָבן געקנעטן צו מאַכן ציגל פאַר פַּרְעֹה׳ן אין מִצְרַיִם.

כַּרְפַּס

קאַרטאָפל אָדער „פּאַרסלי״ איינגעטונקען אין זאַלץ־וואַסער. דאָס איז אַלס אָנדענק, אַז גאָט האָט פאַר די אידן געשפּאָלטן דעם יַם־סוּף.

אַרְבַּע כּוֹסוֹת

פיר כּוֹסוֹת ווייַן דאַרף איטלעכער טרינקען ביים סֵדֶר. דאָס איז אַלס אָנדענק, אַז גאָט האָט פיר מאָל צוגעזאָגט אויסצולייזן די אידן:

1) איך וועל אייך אַרויסציען.
2) איך וועל אייך רעטן.
3) איך וועל אייך אויסלייזן.
4) איך וועל אייך נעמען אַלס מיין פאָלק.

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא׳ס כּוֹס

ביים סֵדֶר גיסט מען אָן אַ באַזונדער כּוֹס ווייַן לְכָבוד אֵלִיָהוּ הַנָבִיא.

די פיר כּוֹסוֹת, וואָס מע טרינקט ביים סֵדֶר, איז אַלס אָנדענק פון דער אויסלייזונג פון „גָלוּת מִצְרַיִם״, און דער כּוֹס לְכָבוד אֵלִיָהוּ הַנָבִיא איז אַלס אָנדענק פון דער אידישער האָפענונג, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט גאָט שיקן זיין שָׁלִיחַ אֵלִיָהוּ, וועלכער וועט קומען אָנזאָגן די אידן די גוטע בְּשׂוֹרָה וועגן דער נייער אויסלייזונג פונעם גָלוּת.

די סימָנִים פונעם סֵדֶר

קַדֵּשׁ

מע מאַכט קידוש איבער וויין.

וּרְחַץ

מע וואַשט די הענט און מע מאַכט ניט קיין בְּרָכָה „עַל נְטִילַת יָדַיִם״.

כַּרְפַּס

מע טונקט איין דעם כַּרְפַּס אין זאַלץ־וואַסער און מע טיילט אויס צו יעדן ביים טיש, און מע מאַכט די בְּרָכָה „בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה״.

יַחַץ

מע צעברעכט די מיטלסטע מַצָה (דעם לֵוִי) אויף צווייען. די גרעסערע העלפט באַהאַלט מען פאַר „אֲפִיקוֹמָן״, און די קלענערע העלפט לאָזט מען אין דער „קְעָרָה״.

מַגִּיד

מע דעקט אָפּ די מַצות, מע הייבט אויף די „קְעָרָה״ און מע זאָגט „הָא לַחְמָא״. נאָכדעם גיסט מען אָן דעם צווייטן כּוֹס, און אַ קינד פרעגט די קַשְׁיוֹת „מַה נִשְׁתַּנָה״, און מע זאָגט די הַגָדָה.

רָחְצָה

מע וואַשט די הענט און מע מאַכט די בְּרָכָה „עַל נְטִילַת יָדַיִם״.

מוֹצִיא

מע מאַכט די בְּרָכָה „הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ״ און מ׳טיילט שטיקלעך מַצָה צו יעדן ביים טיש.

מַצָּה

מע מאַכט די בְּרָכָה „עַל אֲכִילַת מַצָה״ און מע עסט די מַצָה.

מָרוֹר

מע טיילט ביסלעך מָרוֹר צו יעדן ביים טיש, מע מאַכט די בְּרָכָה „עַל אֲכִילַת מָרוֹר״ און מ׳עסט דעם מָרוֹר.

כּוֹרֵךְ

מע לייגט אַריין מָרוֹר צווישן צוויי שטיקלעך מַצָה און מע טיילט ווידער יעדן ביים טיש.

שֻׁלְחָן־עוֹרֵךְ

מע גרייט די מַאֲכָלִים צום טיש און מע עסט אָפּ די גאַנצע סְעוּדָה.

צָפוּן

נאָך דער סְעוּדָה עסט מען צו שטיקלעך מַצָה פונעם „אֲפִיקוֹמָן" („צָפוּן" מיינט דער באַהאַלטענער אֲפִיקוֹמָן). דאָס איז אַן אָנדענק, אַז אויך דעם „קָרְבַּן פֶּסַח" אַמאָל האָט מען געגעסן צום סוֹף, און נאָך אים האָט מען שוין גאָרניט געטאָרט עסן.

בָּרֵךְ

מע גיסט אָן דעם דריטן כּוֹס און מע בענטשט נאָכן עסן, „בִּרְכַּת הַמָזוֹן".

הַלֵל

מע גיסט אָן דעם פערטן כּוֹס און מע זאָגט קאַפּיטלעך פון „הַלֵל" און מע ענדיקט די הַגָדָה.

נִרְצָה

אַז מע מאַכט דעם סֵדֶר לויט אַלע זיינע סִימָנִים, האָפט מען אַז גאָט וועט באַווילִיקן די אידישע בַּקָשָׁה און ער וועט אונדז ווידער אויסלייזן.

די קַשְׁיוֹת

טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר קַשְׁיוֹת:
מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת?
פאַרוואָס איז דידאָזיקע נאַכט אַנדערש פון אַלע נעכט?

די ערשטע קַשיא:

שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה — כֻּלּוֹ מַצָּה?

אַלע נעכט עסן מיר סיי חָמֵץ און סיי מַצָה; אָבער אין דער נאַכט פון פֶּסַח עסן מיר נאָר מַצָה, און חָמֵץ טאָר מען ניט עסן?

די צווייטע קַשיא:

שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת, הַלַּיְלָה הַזֶּה — מָרוֹר?

אַלע נעכט עסן מיר אַלערליי גרינסן; אָבער אין דער נאַכט פון פסח עסן מיר ביטערע גרינס?

די דריטע קַשיא:

שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת; הַלַּיְלָה הַזֶּה — שְׁתֵּי פְעָמִים?

אַלע נעכט טונקען מיר ניט איין אפילו איין מאָל; אָבער אין דער נאַכט פון פסח טונקען מיר איין צוויי מאָל? (כַּרְפַּס אין זאַלץ־וואַסער און מָרוֹר אין חֲרוֹסֶת.)

די פערטע קַשיא:

שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין בֵּין יוֹשְׁבִין וּבֵין מְסֻבִּין; הַלַּיְלָה הַזֶּה — כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין?

אַלע נעכט עסן מיר סיי זיצנדיק און סיי אָנגעלענט; אָבער אין דער נאַכט פון פסח עסן מיר אַלע אָנגעלענט?

„עֲבָדִים הָיִינוּ"

(פון דער הַגָדָה)

דער תֵּירוּץ (ענטפער) אויף די פיר קַשְיוֹת איז פאָלגענדער:

„קנעכט זיינען מיר, אידן, געווען ביי פַּרְעֹה'ן אין לאַנד מִצְרַיִם. און גאָט, אונדזער האַר, האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם. און ווען גאָט זאָל אונדזערע על־טערן דעמאָלט ניט געווען אַרויסציען פון מצרים, וואָלטן אויך מיר, און אונדזערע קינדער און אונדזערע קינדס־קינדער, געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים.

„און דערום, ווען אפילו מיר זיינען אַלע קלוגע, און אַלע פאַרשטאַנ־דיקע, און אַלע דערוואַקסענע, און אַלע געלערנטע אין דער תּוֹרה, איז דאָס אַ געבאָט פאַר אונדז צו דערציילן די געשיכטע פון „יְצִיאַת מִצְרַיִם".

„און ווער עס דערציילט מער די געשיכטע פון „יציאת מצרים", אַלץ מער געלויבט איז ער!"

גאָט'ס צוזאָג

(פון דער הגדה)

„גאָט'ס צוזאָג (הַבְטָחָה) איז בייגעשטאַנען אונדזערע עלטערן און אויך אונדז.

„ניט איינער אַליין (פרעה) איז אויפגעשטאַנען אויף אונדזער אידיש פאָלק צו פאַרניכטן אונדז. נאָר אין יעדן דור און דור שטייען אויף שׂוֹנְאִים אויף אונדז און ווילן אומברענגען אַלע אידן אויף דער וועלט.

„אָבער דער הייליקער, געלויבט זאָל ער זיין (הַקָדוֹש־בָּרוּךְ־הוּא), רעטעט אונדז שטענדיק פון די שׂוֹנאִים'ס הענט!"

#ביים סֵדֶר

(אַ בילד)

דאָס קליינע שטיבעלע איז באַגאָסן מיט יום־טוב'דיקער ליכטיגקייט און שיינט מיט אַ פינקלדיקער, כָּשֵׁר'ער ריינקייט.

אויף אַלץ ליגט אַ סימָן פון באַנייאונג און באַפרישונג.

אויפן טיש זיינען אויסגעשטעלט אַלע שפייזן פאַרן סֵדֶר: דריי מַצות פאַרוויקלט אין אַ נייעם טישטוך, די זְרוֹעַ—אַ געבאַקן הינער־העלדזל (גערגעלע), מָרוֹר, כַּרְפַּס, בֵּיצָה, חֲרוֹסֶת, פלעשער מיט רויטן ווייַן און שיינע, ריינע גלעזערנע כּוֹסות מיט גאָלדענע אותיות „כָּשֵׁר לַפֶּסַח".

אַרום טיש זיצט אונדזער געזינט. דער פאָטער, אין אַ ווייסן קיטל, זיצט אָנגעלענט אויף דעם „הֵסֵב־בעט", ווי עס פאַסט פאַר אַ „מֶלֶך"... לעבן אים זיצט די מוטער, מיט אַ לייכטנדיק פּנים, מיט אַ יום־טוב'דיקער רו, ווי עס פאַסט פאַר אַ „מַלְכָּה"... און מיר, אַלע קינדער, אין שפּאָגל־נייע בְּגָדים, זיצן ביים טיש געהאָרכזאַם און שטיל, ווי עס פאַסט פאַר בְּנֵי־מְלָכִים. ביים עק טיש זיצט אַן אָרימאַן, אַן אוֹרֵחַ אויף פֶּסַח, און אונדזער אַלטע קעכן אין אַ נייעם פאַרטוך.

באַלד דאַרף זיך אָנהייבן דער סדר.

אַלע מאַנסבילן האָבן געמאַכט קידוש מיטן יום־טוב'דיקן ניגון. און איך, דער אינגסטער אין געזינט, דאַרף אָנהייבן דעם סֵדֶר.

מיר שטייט פאָר צו פרעגן די פיר קשיות. פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך די פיר קשיות געלערנט אין חֵדֶר, און איך ווייס זיי אויף אויסווייניק, סיי די העברייאישע ווערטער און סיי די אידישע טייטש. און איך וואַרט מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ אויף דעם טאַטנ'ס וואונק.

און אָט טוט דער טאַטע אַ זאָג צו מיר:

—נו—ו?

איך צעשאָקל זיך ווי ביים לערנען, און איך הייב אָן צו זאָגן אויף אַ קול מיטן ניגון:

—טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר קֻשְׁיוֹת: מַה נִּשְׁתַּנָּה?...

און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, פרעג איך דעם טאַטן איין קשיא נאָך דער אַנדערער.

דער טאַטע הערט מיך אויס געדולדיק און אויפמערקזאַם, מיט אַ שטילן, ליבהאַרציקן שמייכעלע אויף די ליפּן, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, און ווי נאָר איך ענדיק די קשיות, הייבט ער גלייך אָן הויך און זיכער זיין ענטפער:

—עֲבָדִים הָיִינוּ... שקלאַפן זיינען מיר געוועזן ביי פַּרְעֹה'ן אין מִצְרַיִם...

דער קעניג „מָרוֹר“

פרעה, דער קעניג פון מצרים, האָט דערזען אַז די אידן מערן זיך זייער פיל. יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געקומען קיין מצרים בלויז מיט זיבעציק פּערזאָן, און איצט ציילן די אידן שוין עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן. האָט פרעה מוֹרא געהאַט פאַר זיי.

וואָס האָט פרעה געטאָן? ער האָט די אידן געגעבן זייער שווערע אַר־בעט אין שטאָט און אין פעלד, כְּדֵי זיי זאָלן קראַנק ווערן און אויסשטאַרבן.

אָבער וואָס מער פרעה האָט די אידן געפּייניקט, אַלץ מער זיינען זיי געוואָרן און אַלץ שטאַרקער.

איינמאָל האָט זיך פרעה'ן גע'חָלוֹמ'ט אַזאַ חלום:

ער זיצט אויף זיין טראָן, און אַלע זיינע מיניסטאָרן זיצן אַרום אים. קומט אַריין אַן אַלטער, גרויער מאַן מיט אַ גרויסער וואָג אין די הענט.

דער אַלטער מאַן האָט גענומען דעם קעניג פרעה מיט זיינע מיניסטאָרן, זיי צונויפגעבונדן צוזאַמען און האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף איין וואָגשאָל. נאָכדעם האָט ער גענומען אַ קליין לעמעלע און עס אַרויפגעלייגט אויף דער צווייטער וואָגשאָל. און דאָס קליינינקע לעמעלע האָט אַריבערגעוואויגן פרעה'ן מיט אַלע זיינע מיניסטאָרן . . .

ווען פרעה האָט אויפגעוואַכט פון שלאָף, האָט זיין האַרץ שטאַרק גע־קלאַפּט פאַר שרעק. ער האָט באַלד געשיקט רופן אַלע זיינע שטערנזעער און כישופמאַכער און האָט זיי באַפוילן, זיי זאָלן אים זאָגן וואָס אָט דער שרעקלעכער חלום באַטייט.

האָבן זיינע קלוגע לייט געטראַכט און געטראַכט, און זיי האָבן געזאָגט אַזוי:

—דער חלום ווייזט, אַז אינגיכן וועט ביי די אידן אין מצרים געבוירן ווערן אַ אינגל, וואָס וועט זיין שטאַרקער פון אונדז אַלע. און דאָס אינגל וועט באַפרייען די אידן פון מצרים!... (דאָס האָבן זיי געמיינט מֹשֶה רַבֵּנוּ).

האָט פרעה געזאָגט:

—אויב אַזוי, וועל איך אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל אַלע ניי־גע־בוירענע אידישע אינגלעך גלייך אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין!...

האָבן די שטערנזעער געזאָגט:

—עס וועט ניט העלפן, גרויסער קעניג! דאָס אידישע אינגל וועט טאַקע פונעם וואַסער אַרויסגענומען ווערן!...

האָט פּרעה געזאָגט:

—אויבֿ אַזוי, וועל איך אים צונעמען צו זיך אין הויז אַריין און אים דער־ציען ווי אַ מִצְרִי!...

האָבן די שטערנזעער געזאָגט:

—עס וועט ניט העלפן, גרויסער קעניג! ער וועט אַלץ בלייבן אַ איד!..

האָט פּרעה געזאָגט:

—אויב אַזוי, וועל איך אַליין טויטן דאָס אינגל!

האָבן די שטערנזעער געזאָגט:

—דו וועסט אים ניט קאָנען טויטן! ער וועט בלייבן לעבן!...

דעמאָלט האָט פּרעה אויסגעשריגן מיט ווייטאָק און שרעק:

—אויב אַזוי איז מיר ביטער, שטאַרק ביטער!...

פּרעה'ס נאָמען איז געווען „מָלוֹל". און אַז די אידן האָבן דערהערט וועגן זיין חלום, האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן „מָרוֹר".

חַד גַּדְיָא

דער טאַטע האָט אַ ציגעלע\
פון ערגעץ־וואו געברענגט,—\
פאַר צוויי גילדן אַ ציגעלע\
די קינדערלעך געשענקט.

טאַנצט אַרום דאָס ציגעלע\
ס'ווייסינקע אין הויף.\
איז אַ שוואַרצע קאַץ פאַראַן\
כאַפּט זי, פרעסט עס אויף.

אָ, היט זיך, היט זיך קעצעלע,\
דער הונט איז אויפן פּלאַץ!\
ער גיט אַ ביל, ער גיט אַ שפּרונג,\
אַן עק שוין פון דער קאַץ!...

קומט אַרויס אַ שטעקעלע,
אַ שטעקעלע פון וואַלד,
וואַרפט זיך אויפן הונט אַרויף,
אים ס'קעפּעלע צעשפּאַלט.

פליט אַרויס פון ערגעץ־וואו
און באַפאַלט דעם שטאָק
אַ פייערל אַ רויטס—
רויטע צינגעלעך אַ שאָק.

(ס'פייערל, ס'רויטינקע,
ברענט און עס פאַרברענט,
ס'שטעקעלע וואָס האָט געבראָכן
הונט'ס רוק־און־לענד.)

פליסט באַלד אָן אַ וואַסערל,
און וואַסערל פאַרדריסט:
„וואָס ברענט אַזוי דאָס פייערל?" —
פאַרלעשט עס און פאַרגיסט.

דאָ דערזעט אַן אָקסעלע,
ס'וואַסערל גיסט און רינט,—
אַ שפּרונג, אַ זופּ, אַ זופּ, אַ לעק,
און ס'וואַסערל פאַרשווינדט!

באַווייזט זיך באַלד אַ שוחט'ל,
גערעכט, צי נישט גערעכט,
כאַפּט אַרויס אַ חלפ'ל,
כאַפּט דעם אָקס און שעכט!



דערזעט דער מַלְאַךְ־הַמָוֶת דאָס
מיט זיינע טויזנט אויגן.
ער שעכט אַוועק דאָס שוֹחֵט'ל —
זיין נְשָׁמָה אַרויסגעצויגן !

ווערט „כִּבְיָכוֹל" צאָרנדיק :
„נאָר געראַנגלט און געפּאָכטן !"
און האָט אין זיין גערעכטיקייט
דעם מַלְאַךְ־הַמָוֶת אַליין געשאָכטן ! . . .

פון מְגִילַת שִׁיר הַשִּׁירִים

(די הייליקע סְפָרִים טייטשן אויס די ווערטער פון „שִׁיר הַשִּׁירִים" ווי אַ ליבע־ליד צווישן גאָט און זיין פאָלק יִשְׂרָאֵל).

דאָס איז דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, וואָס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ האָט געזונגען :

(ישראל זינגט צו גאָט) :

קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פון זיין מויל,
וואָרים בעסער פון וויין איז דיין ליבשאַפט.
וואויל צום שמעקן זיינען דיינע אייל׳ן,
געקלערטער בוימל איז דיין נאָמען,
דערום האָבן יונגפרויען דיך אַזוי ליב !

צי מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפן —
זאָל דער קעניג מיך ברענגען אין זיינע קאַמערן,
מיר וועלן זיין לוסטיק און פריילעך מיט דיר,
מיר ווילן לויבן דיין ליבשאַפט
מערער פון וויין —
אמת'דיק ליב האָבן מיר דיך !

ווי אַן עפּל־בוים צווישן די וואַלד־בוימער,
אַזוי איז מיין געליבטער צווישן די זין.
אין זיין שאָטן גלוסט איך צו זיצן,
און זיס איז זיין פרוכט צו מיין גומען! . . .

(גאָט זינגט צו ישראל):

האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער
און האָט געזאָגט צו מיר:
שטיי אויף, מיין געליבטע,
מיין שיינע, און קום מיט מיר!
וואָרים אָט איז דער ווינטער שוין אַריבּער,
דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק.
די בלומען האָבן זיך שוין באַוויזן אין לאַנד,
די צייט פון געזאַנג איז געקומען,
און די שטים פון דער טורטל־טויב
לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד.
דער פייגנבוים צייטיקט זיינע פייגן,
און די וויינשטאָקן אין בליאונג טוען שמעקן;
שטיי אויף, מיין געליבטע,
מיין שיינע, און קום מיט מיר!
לאָז מיך אָנקוקן דיין פּנים,
לאָז מיך הערן דיין קול, —
וואָרים דיין קול איז אַזוי זיס,
און דיין פּנים איז אַזוי שיין! . . .

דער „עוֹמֶר״ אַמאָל און היינט

„אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד וואָס איך גיב אייך (אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל), און איר וועט שניידן די תְּבוּאָה, זאָלט איר ברענגען אַ גאַרב פון אייער ערשטן שניט צום כֹּהן, און ער זאָל אויפהייבן דעם גאַרב צו גאָט״.

„און איר זאָלט אייך ציילן פון דעם מאָרגן נאָך דעם רו־טאָג (דאָס הייסט דעם ערשטן טאָג פֶּסַח), פון יענעם טאָג ווען איר ברענגט דעם „גאַרב פון אויפ־הייבונג״, זיבן גאַנצע וואָכן זאָלן עס זיין. ביז אויף מאָרגן נאָך דער זיבעטער וואָך זאָלט איר אָפציילן פופציק טעג!״ (חוּמָשׁ וַיִּקְרָא, כ״ג, י׳–ט״ז).

אַמאָל, ווען דאָס בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ איז געשטאַנען, פלעגט מען דעם צווייטן טאָג פסח ברענגען אַ מאָס גערשטן, „עוֹמֶר״, פון דעם נייעם שניט, אין בית־המקדש אַריין אַלס מַתָּנָה צו גאָט.

פסח פלעגט זיך אָנהייבן די שניט־צייט פון דעם נייעם **גערשטן**, און זי פלעגט זיך ציען ביז שָׁבוּעוֹת, ווען די שניט־צייט פונעם נייעם **ווייץ** פלעגט זיך אָנהייבן.

די שניט־צייט (קָצִיר) איז שטענדיק געווען אַ צייט פון פרייד ביי די אי־דישע פאַרמער.

פון דער נייער תבואה האָט מען ניט געטאָרט עסן ביז מע האָט פון איר געבראַכט אַ מַתָּנָה צום כֹּהֵן, אַלס אַ דאַנק צו גאָט.

אין דער צווייטער נאַכט פון פסח (אין גָלוּת היינט איז דאָס צום צווייטן סדר), פלעגט מען גיין און אָפּשניידן אַזאַ מאָס גערשטן (די מאָס האָט געהייסן „עוֹמֶר״), און אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען דעם „עומר״ געבראַכט צום כֹּהן, און ער האָט אים אויפגעהויבן פאַר גאָט.

די סְפִירָה־טעג

דידאָזיקע טעג פון פסח ביז שבועות ווערן אָנגערופן „סְפִירָה־טעג״, די טעג וואָס מע ציילט זיי.

אַמאָל זיינען די ספירה־טעג געווען טעג פון פרייד. אָבער זינט דאָס בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ איז חָרוּב געוואָרן זיינען דידאָזיקע ספירה־טעג געוואָרן טעג פון טרויער.

היינט, אין די גָלות־לענדער, און אויך אין ארץ־ישׂראל, ציילן אידן דעם „עומר" נאָר מיט ווערטער.

פון דער צווייטער נאַכט פסח ביזן אָוונט וואָס פאַר שבועות ציילט מען יעדן אָוונט נאָך תְּפִילַת־מַעֲרִיב אויף דעם פאָלגענדן אופן: „הַיּוֹם יוֹם אֶחָד לָעוֹמֶר", היינט איז איין טאָג אין עומר! און אַזוי ציילט מען גאַנצע ניין־און־פערציק טעג (זיבן וואָכן).

(פון נאָך פסח ביז סוכות—לערנט דעם דריטן טייל פון בוך.)

ווערטער־פאַרצייכעניש

א

אָבות	ancestors, Patriarchs
אָבות אֲבוֹתֵינוּ	our forefathers
אֶבְיוֹן (אֶבְיוֹנִים)	poor man (men)
אֲגָדה (אֲגָדות)	legend–s
אָדלער–ס	eagle–s
אויבערשטיבל	garret
אויגנבליק	instant, moment
אויסבעטן	to obtain by prayer
אייסוואָרצלען	to root out
אויסווייניק	by heart; outwardly
אויסלעשן	to put out, extinguish
אויסשטעכן	to put out (eyes)
אויסראָטן	to root out; exterminate
אויסשײַערן	to scour
אויסשלאָג	eruption
אויסשלאָגן	to knock out
אויסשפרייטן	to spread
אויפברויזן	to rage; to ferment
אויפזעער	overseer, superintendent
אויפלעבן	to revive
אויפשטאַנד	rebellion, uprising
אומה (אומות)	nation–s
אומעט	sadness, gloom
אומעטיק	sad, gloomy
אומרעכט	injustice, wrong
אונטערגיין	to perish; to come near
אונטערדריקן	to oppress
אוֹרח (אוֹרחִים)	guest–s
אָטעם; אָטעמען	breath; to breathe
איבערהיפּן	to omit, to skip over
אייביק	everlasting, eternal
אייביקייט	eternity
אייגנטום	property
איידלקייט	nobleness, politeness
אײַל; אײל	oil; cubit
אײַלן	to hurry, to hasten
אײַלעניש	hurry, haste
איינגאַנג	entrance
אייפערזוכט	jealousy
אייפערזיכטיק	jealous
אַכְזָר–ים	cruel man,-men
אַכְזָריות	cruelty
אַכטונג	respect, esteem, care
אַכטונג געבן	to pay attention, take care
אַכטן	to respect, to esteem
אַלמעכטיקער	Almighty
אָנגורטן	to gird
אָנגורטן די לענדן	to gird the loins
אַנטפּלעקן	to discover, to reveal
אָנטרעפן	to meet, to find, to hit
אָנרעדן; אָנרײדן	to talk much; talk ill of..., instigate
אָפגאָט (אָפגעטער)	idol–s
אַפּיקורס (אומגלויבער)	heretic (unbeliever)
אָפּרו	rest, repose
אָפּשטאַם	descent
אֵשֶת חַיִל	a clever *or* active woman

ב

באַבילאָנער	Babylonian
באַגינען	at dawn
באַגערן	to desire, to request
באַגער–ן	desire–s, request–s
באַהעפטן	to join
באַזיצן	to possess
באַזעצן	to people, to occupy
באַזעצן זיך	to settle
באַטרוג	deception, deceit
באַטריגן	to deceive
באַלאַגערן	to besiege
באַלזאַם	balsam, balm

באַלזאַמירן	to embalm
באַליידיקן	to offend, to insult
באַלעבאָס, (זע בעל־הבית)	
באַלקן	ceiling
באמת	indeed, truly, earnestly
באַפעל	order, command
באַפעסטיקן	to strengthen, to fortify
באַצווינגען	to subdue
באָקסער־ן	carob-beans
באַרימען (זיך)	to boast, to brag
באָרפוס (באָרוועס)	barefoot
באַשאַף (באַשאַפונג)	creation
באַשיידן	to explain, to interpret; modest
באַשיידנקייט	modesty
בונד	covenant, league, bond
בורא	Creator, God
בורא עולם	Creator of the world
בושה (חרפה, בזיון)	shame
בזיון (בזיונות)	shame
בחוש (זען בחוש)	plainly, clearly
ביינדל־עך	small bone–s, kernel–s
בייקומען (באַזיגן)	to overcome (to conquer)
בילן	to bark
בילעריי	barking; slander
בימה (בימות)	pulpit–s
בין (בינען)	bee–s
ביסן (ביסנס)	bit–s, morsel–s
בית מדרש	synagogue (house of study)
בית המקדש	sanctuary (the Holy Temple in Jeruaslem)
בכור (בכורים, בכורות)	first-born son–s
בכורה	birthright
בלאָטער־ן	blister–s
בלום (בלומען)	flower–s
בלײַ	lead
בליִען	to bloom, to blossom, to flourish
בלישטשען, בלישצען	to glitter, to be bright
בלעך (בלעכענער)	tin
בסוד	secretly
בעל־הבית	master
בעל־צדקה	charitable man, philantropist
בקשה (בקשות)	request–s, petition–s, prayer–s
בראַנד־אָפּפער	burnt-offering
ברוגז	angry, morose, (to be on bad terms)
ברומען	to roar, to grumble
ברונעם (ברינעמער)	well–s
בריל (ברילן)	spectacle–s, eye-glass–es; roar–s
ברירה (ברירות)	choice–s, alternative–s
ברית	circumcision ceremony, covenant
ברכה (ברכות)	benediction–s, blessing–s
בשורה (בשורות)	news, message
בת־ציון	"daughter of Zion" (Jewish nation, -land)
בת־קול	echo

ג

גאולה	redemption, deliverance
גאַלע	pure
גאַפן	to gape
גאַרב (גאַרבן)	sheaf–s
גאָרגל (גערגעלע)	throat, gullet, windpipe
גבור (גבורים)	strong man,–men, hero–es
גבורה	strength, might, heroism
גורל (גורלות)	lot–s
וואַרפן גורל	to cast lots
גזילה (גזילות)	robbery–ies
גזלן (גזלנים)	robber–s, highway man–en
גינסטיק, גינציג	favorable; good
גלאַנץ	gloss, lustre
גלויבן; –(אמונה)	to believe; faith, belief, religion
גלות	exile, diaspora (lands where Jews are scattered)

to refresh, to delight	דערקוויקן
South	דָרום
one third, third part	דריטל
trilling	דריַילינג
threefold	דרייפּאַכיק
to oppress	דריקן

ה

oats	האָבער
hail	האָגל
to embrace	האַלדזן
hatred; to hate	האַס; האַסן
lord, master	האַר
hairy	האָריק
harp	האַרף (האַרפע)
ceremony of ushering in the Sabbath	הַבְדָלה
Passover book containing services for "סְדָרים"	הַגָדה
to crouch	הויערן
head, chief, principal	הויפּט
handful	הויפן
cave	היַיל
holiness, sacredness	היַיליקייַט
locust	היַישעריק
dress	הילוך
sound, echo; resounding	הילך; הילכיק
hind, hindmost	הינטערשטע
triangular cakes stuffed with poppy for פורים	הָמָן־טאַשן
leaning couch (for Passover nights' "סְדָרים")	הָסב־בעט
hero, heroine	העלד–ין
cutter, wood-chopper	העקער
rule, reign, domination	הערשאַפט
to dominate, to rule	הערשן

וו

weight; pair of scales	וואָג; וואָגשאָלן

Paradise (Garden of Eden), place of pleasure	גַן־עֵדן
baker's wares (bread, cakes etc.)	געבעקס
spice–s	געווירץ (געווירצן)
to rule	געוועלטיקן
running	געלאַף
mean, low, common, poor	געמיין
mixture, mash	געמיש
grace, favor, mercy	גענאָד (גנאַדע)
enjoyment; to enjoy	גענוס; געניסן
captive, prisoner	געפאַנגענער
prison, jail,	געפענקעניש
idolater (worshiper of idols)	געצנדינער
pay, reward	געצאָלט (געצאָלץ)
dish	געקעכץ
justice	גערעכטיקייט
barley	גערשטן
quick, swift	געשווינד (געשווינט)
form, figure, shape	געשטאַלט
stand, scaffold, base	געשטעל
taste, tasty, tasteful	געשמאַק
to happen, come to pass	געשען
happening, event	געשעעניש
stranger–s (convert to Judaism)	גֵר (גֵרים)
rattle	גראַגער
to lay the foundation of, to establish	גרונטפעסטיקן
scab, mange, boil	גרינד (גרינדל)
to found, to establish	גרינדן
boundary, border, limit	גרענעץ

ד

lean, meager, dry	דאַר
thorn–s	דאָרן (דערנער)
generation–s, age–s	דור (דורות)
judge-s (associate of a Rabbi)	דַיָן (דַיָנים)
to promote, to elevate, rise	דערהייבן
to revive	דערמונטערן

וואָגלען	to wander
וואָגן	to dare
וואַך	watch, guard; awake
וואַלגערן זיך	to roll, to be scattered
וואַקלען	to shake
וואָרגן	to choke
ווידמען	to dedicate; to swarm
ווידער	ram; again
וויינשטאָק	vine
ווייץ	wheat
וויכטיק	important
וויסט	desolate, solitary
וויסן; וויסנשאַפט	knowledge; science
וועלקן	to fade, to decay
ווערט (ווערדע)	worth, value
ווערק	work, book

ז

זאַט (זעטיקן)	full, plenty, filled to satiety
זאַלבן	to anoint
זאַנג–ען	ear–s (of corn)
זאַפט; זאַפטיק	juice, sap; juicy
זיגל	seal
זיגן	to win, be victorious
זידלען	to scold, revile
זיטן	manners
זייל–ן	pillar–s
זיכער	safe, secure, sure, certain
זיפצן	to sigh, groan; sighs
זכות	privilege, right, merit
זכר (זכרים)	male, male person-s
זכר; זכרון	trace, remembrance; memory
זמירות	Sabbath or Holiday hymns
זעאונג	vision, seeing
זעגלען	sails; to sail
זעמלמעל	fine flour
זקן (זקנים)	old man,–men
זקנה (זקנות)	old woman,–women
זשאַבע–ס	frog- s

ח

חוב (חובות)	duty, debt-s
חורבן	destruction
חזר'ן	to repeat
חטאים	sins
חידוש	novelty, news, innovation
חיל (חילות)	army–ies
חכמה (חכמות)	wisdom, science; trick
חלה (חלות)	Sabbath loaf, white bread
חלוץ, חלוצה, חלוצים, חלוצות	pioneer-s; vanguard
חילוק	difference
חלילה!	God forbid!
חלף (חלפים)	slaughterer's knife
חן	grace, favor
חסד	mercy, favor, benevolence
חרוב	destroyed
חרטה	regret

ט

טאָרט	tart, cake
טובה (טובות)	service, benefit
טובל'ען	to dip
טוי	dew
טויב	dove; deaf
טוליען	to clasp, to cling to
טומלען	to make a noise
טונקל	dark, dim
טורטל־טויב	turtle–dove
טורעם	tower
טייטש	meaning, translation
טישטוך (טישטיכער)	table-cloth–s
טעם (טעמים)	reason–s; taste–s, flavor–s
טענה (טע נות)	claim-s, pretension-s; plea-s
טראָט (טריט)	step–s
טרויער	sorrow, grief; mourning
טריי (טריישאַפט)	true, faithful–ness
טרייסט	consolation
טרעפּ	stair–s

reward, wages	לוין
it pays, it's worth while	לוינען זיך
to lurk, to lie in wait	לויערן
merry, cheerful	לוסטיק
candlestick	לייכטער
frivolous, light-minded	לייכטזיניק
clay, mud	ליים
lentils	לינדזן
in honor	לכבוד

מ

meager, lean	מאָגער
food; pleasant food	מאכל (מאכלים)
power–s, might	מאַכט–ן
meal, banquet	מאָלצייט
almond–s	מאַנדל–ען
cloak–s, mantle–s	מאַנטל–ען
brain	מאַרך
flood, deluge	מבול
to annul, make void	מבטל זיין
to convert to Judaism	מגייר זיין
desert–s, wilderness–es	מדבר (מדבריות)
country–ies	מדינה (מדינות)
brain–s	מוח (מוחות)
to forgive	מוחל זיין
brick-house–s; to build	מויער–ן; מויערן
lively, sprightly	מונטער
fear, fright	מורא
altar–s	מזבח (מזבחות)
to violate, to profane	מחלל זיין
camp–s; host	מחנה (מחנות)
thought–s	מחשבה (מחשבות)
coin–s (money)	מטבע (מטבעות)
dainties	מטעמים
to trouble	מטריח זיין
of noble birth (*m.*)	מיוחס (מיוחסים)
water for washing hands after meals	מים אחרונים
rubbish	מיסט–ן
to guess, to happen	טרעפן
to pick a quarrel, to touch	טשעפען

י

hunting	יאָגד
to chase, to run after, to pursue; haste	יאָגן; יאָגעניש
yoke; duty	יאָך
lamentation; misery	יאָמער
fair; tumult	יאַריד
dry land	יבשה
jubilee; long period of time	יובל
heir	יורש
Red Sea	ים־סוף
hunter	יעגער
inheritance–s	ירושה (ירושות)
settlement, village	ישוב
villager	ישוב׳ניק
orphan–s	יתום (יתומים)

כ

choir, chorus	כאָר
honor, glory, respect	כבוד
God	כביכול
in order to	כדי
priest; High Priest	כהן; כהן גדול
wave–s	כוואַליע–ס
the Western wall of the destroyed Temple	כותל מערבי
Cherubim (angels)	כרובים
horse-radish	כריין
handwriting; document	כתב

ל

skin-bottle–s	לאָגל (לאָגלען)
camp	לאַגער
moon	לבנה
according	לויט
clear, pure; clearness	לויטער; לויטערקייט

מַכָּה (מַכּוֹת)	plague–s; boils
מְכַנִיס אוֹרֵח	hospitable man
מְלַמֵד (מְלַמְדִים)	instructor–s
מְנוֹרה	chandelier
מַמָש; מַמָשוּת	really; substantiality
מִנְהָג (מִנְהָגִים)	custom–s
מְנוּחה	rest, repose
מִסְתָּם–מִסְתָּמָא	probably
מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה	the cave of Machpelah where the Jewish patriarchs are buried
מַעֲשֶׂה (מַעֲשִׂים)	deed–s
מַפְקִיר זײַן	to declare to be ownerless
מַפְקִיר זײַן זיך	to sacrifice oneself
מַצֵבָה (מַצֵבוֹת)	tomb-stone–s
מִצְוָה (מִצְווֹת)	good deed–s
מְצִיאָה (מְצִיאוֹת)	bargain–s; find
מְקַבֵּל־פָּנִים זײַן	to welcome
מְקַבֵּל־שַבָּת זײַן	to inaugurate the Sabbath
מִקְוֶה (מִקְווֹת)	pool–s for ablution
מְקַנֵא זײַן	to envy
מֶרְחָץ	bath-house
מַשָׂא (מַשָׂאוֹת)	load–s, burden–s
מִשְׁפָּחָה (מִשְׁפָּחוֹת)	family–ies; relative–s
מִשְׁפָּט (מִשְׁפָּטִים)	lawsuit–s; judgment–s
מַשְׁקֶה (מַשְׁקָאוֹת)	liquor–s; beverage–s
מַתָּנָה (מַתָּנוֹת)	gift–s, present–s

נ

נאַקן	neck
נאַר (נאַראָנים)	fool–s
נאָרע–ס	hole–s, den–s
נאַשן; נאַשערײַ	to eat dainties
נְבוּאה	prophecy
נָבִיא (נְבִיאִים)	prophet–s
נְדָבָה (נְדָבוֹת)	donation–s, contribution–s
נַדְבָן (נַדְבָנִים)	liberal donor–s
נֶדֶר (נְדָרִים)	vow–s
נויט; נויטלײַדנד	need; one in need
נויטן	to compel, force
נוֹקֵם זײַן	to take revenge
נוֹשֵׂא־חֵן זײַן	to find favor
נוֹשֵׂא־פָּנִים זײַן	to be partial
נַחֲלָה (נַחֲלוֹת)	estate–s; possession–s
נְקָמָה (נְקָמוֹת)	revenge–s
נְשָׁמָה (נְשָׁמוֹת)	soul–s
נְשָׁמָה יְתֵירָה	additional soul (on Sabbath)

ס

סוֹד (סוֹדוֹת)	secret–s
סוכאַרעס	biscuit–s (stale bread)
סטאַדע–ס	herd–s, flock–s
סטרונע–ס	string–s
סִימָן (סִימָנִים)	sign–s, mark–s
סַכָּנָה (סַכָּנוֹת)	danger–s
סֶלָה !	for ever; end
סליאַד–ן	trace–s, track–s
סַם; סַמ׳ען	poison; to poison
סְעוּדה (סְעוּדוֹת)	meal–s, banquet–s
סערפּ–ן	sickle–s
סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת	book of records
סקריפּען	to creak

ע

עֵגֶל; עֵגֶל הַזָהָב	calf; the golden calf
עֵדָה	community; crowd
עֵדוּת	witness; testimony
עוֹלָם	world; crowd, public
עוֹלָם־הַבָּא	future world; reward in the world to come
עוֹלָם־הַזֶה	this world; sensual pleasure
עוֹמֶר	Omer (ancient dry measure)
עוֹנֶג שַבָּת	pleasure of Sabbath
עלנט	lonely; miserable
ענג; ענגשאַפט	tight; crush
עֵץ הַדַעַת	the tree of knowledge
עֵץ הַחַיִים	the tree of life
עֵצָה (עֵצוֹת)	advice, counsel
עֲקָרָה (עֲקָרוֹת)	barren woman,–en

Purim	פּורים
fright–s, terror–s	פּחד (פּחדים)
cattle	פּי
to pasture, feed	פּיטערן
to torture	פּייניקן
ball	פּילקע
prince–s	פּירשט (פּירשטין)
plague–s	פּלאָג–ן
Purim-cake; flat cake	פּלאָדן
to tangle	פּלאָנטערן
shoulder–s	פּלייצע–ס
swift	פּלינק
to flow	פּליסן
plain	פּלוין
fins	פּליספּעדערן
fore, front	פּעדערשט
to fence	פּעכטן
rock–s	פּעלז–ן
little pan; little flag	פּענדל
wild man	פֶּרֶא אָדָם
beauty	פּראַכט
frog–s	פּראָש (פּרעש)
to multiply	פּרוכפּערן
curtain before the אָרון קודש	פָּרוֹכֶת
fruit–s	פְּרִי (פֵּירות)
peace-offering	פּריד־אָפּער
to eat voraciously	פּרעסן

צ

anger, wrath	צאָרן
community, public	צִבּור
saint–s, pious man,–men	צַדִיק (–ים)
charity–ies	צְדָקה (צְדָקות)
twins	צווילינג
to compel	צווינגען
confidence	צוטרוי
to suit, fit	צופּאַסן
at one's feet	צופוסנס
to walk, to go on foot	גיין צופוס

stubborn man–men	עַקְשָן (עַקְשָנִים)
stubbornness	עַקְשָנות
surety	עָרֵב
security, guarantee	עָרְבות

פֿ

fable	פֿאַבל
orange	פֿאָמעראַנץ
pan–s	פֿאַן (פֿאַנען)
to capture, catch	פֿאַנגען
slipper	פֿאַנטאָפֿל
shepherd–s	פֿאַסטוך (פֿאַסטוכער)
to fast	פֿאַסטן
to happen, occur	פֿאַסירן
prohibition	פֿאַרבאָט
pleasure	פֿאַרגעניגן
curtain	פֿאָרהאַנג
vestibule	פֿאָרהויז
fear; awe	פֿאָרכט
in front	פֿאָרנט
important	פֿאָרנעם
formerly, anciently	פֿאַרצייטן
sense, wit	פֿאַרשטאַנד
to investigate, inquire	פֿאָרשן
to unite	פֿאַראייניקן
to conceal	פֿאַרבאָרגן
to taste	פֿאַרזוכן
to pawn	פֿאַרזעצן
faint	פֿאַר'חלש'ט
to exterminate	פֿאַרטיליקן
to destroy	פֿאַרלענדן
to avoid	פֿאַרמײַדן
to annihilate	פֿאַרניכטן
to flood	פֿאַרפֿלייצן
to tear	פֿאַרצוקן
to disappear	פֿאַרשווינדן
to desecrate, profane	פֿאַרשוועכן
to promise	פֿאַרשפּרעכן
drum–s	פּויק–ן

צוקאָפּנס	at one's head
צורר (צוררי הַיְהוּדִים)	enemy (Jew-baiter)
ציגל	brick–s
ציוניזם	Zionism
צייטרעכענונג	era; chronology
צייטיק	ripe; mature
צימרינג	cinnamon
צינז–ן	tribute–s
צירונג	jewelry
צְלָם (צְלָמִים)	cross–es
צעדער	cedar
צעפּטער	scepter (king's staff)
צעקנייטשן	to crumple, wrinkle

ק

קאַמף (קאַמפן)	fight–s, struggle–s
קאַפּאָטע–ס	coat–s (old fashioned)
קאָריטע	trough
קֶבֶר (קְבָרִים)	grave–s
קוילען	to slaughter, kill
קוים	hardly
קיזלשטיין	pebble
קיטל	white linen robe
קייט	chain
קינפּעט	confinement
קלאָגן	to lament
קלעמען	to pinch
קניִען	to kneel
קנעטן	to knead
קעסל–ען	kettle–s, boiler–s
קראַגן (קראַגנס)	collar–s
קראָם	store
קראַפט	power, force
קָרְבָּן (קָרְבָּנוֹת)	sacrifice–s, offering–s
קָרוֹב (קְרוֹבִים)	relative–s
קרוג (קריגל)	pitcher
קרייַץ	cross
קרעכץ (קרעכצן)	groan–s
קרעמער	storekeeper

ר

ראש חודש	the beginning of the Jewish month
ראש הַשָּׁנָה	the beginning of the Jewish year
רֶבִּי (רֶבִּיס, רַבָּנִים, רַבָּיִים)	teacher–s, Rabbi–s
רִבּוֹנוֹ־שֶׁל עולם	Lord of the universe
רוט	rod
רויב	robbery
רוישן	to make a noise
רוֹצֵחַ (רוֹצְחִים)	murderer–s; cruel man–en
רוקן	spine, back
רוק־און־לענד	back and thigh
רַחְמָנוּת	pity
ריז–ן	giant–s
רֵיחַ (רֵיחוֹת)	odor–s, scents–, smell–s
רייַטוואָגן (רייַטוועגן)	chariot–s
רייַטער	horseman
רינד	ox; meat
רינען	to flow, run
רינצלען, רונצלען	to wrinkle
רעווען	to bellow
רעטעך	radish
רענדל–עך	ducat–s
רער–ן	tube, pipe
רָשָׁע (רְשָׁעִים)	wicked man

ש

שאַלן	to blow (a horn)
שְׁבוּעָה (שְׁבוּעוֹת)	oath–s
שֶׁבַח (שְׁבָחִים)	praise–s
שֵׁבֶט (שְׁבָטִים)	tribe–s
שויס	lap, bosom
שומר–ים	watchman–en, guard–s
שׂונא (שׂוֹנְאִים)	enemy–ies
שופט (שוֹפְטִים)	judge–s
שופר (שוֹפָרוֹת)	ram's horn–s (Shofar)
שוץ	protection

תקופה	a season of the year
שורה (שורות)	row–s; line–s
שטאַם	tribe, race; trunk (of a tree)
שטאַמלען	to stammer
שטענגל	little bar; stalk, stem
שטערנזעער	astrologer
שטראָפרייד	reproof
שטרעבן	to strive, endeavor
שידוך (שידוכים)	match–es
ריידן אַ שידוך	to propose a match
שײַער	barn
שײַערן	to scour, scrub
שיעור	measure; lesson
אָן אַ שיעור	without a limit
שכינה	glory of God
שכן (שכנים)	neighbor–s
שכר; שכירות	reward, pay; wages, salary
שלאַכט	battle
שלאַכטמעסער	slaughterer's knife
שלח־מנות	Purim presents
שליח (שליחות)	messenger (errand)
שליטה	influence, power
שלײַדערן	to fling
שליסל	key–s
שמד'ן	to convert
שמוץ	filth, dirt
שמחה (שמחות)	joy–s; festivity–ies
שמידן	to forge, hammer
שמיטה	old Hebrew Sabbatical (seventh) year
שמש	sexton; beadle
שנאה	hatred
שעכטן	to slaughter
שעפּטשען	to whisper
שעפּן	to draw, scoop
שפּראַך	language
שפּראָצן	to bud
שרץ (שרצים)	reptile–s

ת

תבה	Noah's ark
תבואה (תבואות)	grain; crop–s
תהום	abyss, depth, precipice
תהילים	Psalms
תורה (פינף חומשים)	Pentateuch (the five books of Moses)
תחינה (תחינות)	book of prayers for women
תליה	gallows, gibbet
תלמוד (גמרא)	Talmud
תמיד	always, constantly
תנא (תנאים)	sage (of the Talmudic period)
תנאי (בתנאי)	condition, term (with the condition)
תנועה (תנועות)	grimace–s, gesture–s
תנ"ך	the Bible
תענוג־ים	pleasure-s, delight-s
תענית (תעניתים)	fast-day–s
תפילה (תפילות)	prayer–s
תפיסה (תפיסות)	prison–s, jail-s